The Hebrew Journal

דער אידישער

זשורנאל

The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

E III. No. 916
Toronto, Wednesday March 8-th. 1916
ג אדר ב פרשה ויקרא תרעו
מיטוואך, דער 8־טער מערץ 1916
PRICE : ONE CENT

A S Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

א גרויסע ים שלאכט ערווארטעט.

רוים, מערץ 5

לויט ידיעות וואס זיינען אהער אנגעקומען האבען צוואנציג דייטשע דרעדנאוטס פערלאזען דעם קיעל קאנאל.

דיזע דעפעשע איז פערהאלטען געווארען פון ענגלישען צענזור גאנצע צוויי טעג.

אן אנדער דעפעשע פון לאנדאן לויטעט דאס מאנטאג פריה האט מען בעמערקט א פלאטע פון 25 קריעגס שיפען קרייצענדיג אין ים הצפוני.

לאנדאן האט דאס געהערט פון האלאנד.

ווי עס זעהט אלזא אויס ליגט אין דעם, קאן מען זאגען אן אמת, ווייל די ידיעות קומען פון פערשידענע קוועלען, און מיינט דארום אז גאר אין גיכען וועט פאר קומען א שלאכט אויף'ן ים, וועלכעס דייטשלאנד האט ביז איצט אויסגעמיידעט, בעהאלטענדיג איהר פלאטע אין קיעל קאנאל.

ווינסטאן טשורטשהיל הייסט ברענגען צוריק פישער'ן פאר דער פלאטע

לאנדאן, מערץ 7

ווינסטאן ספענסער טשורטשהילל געוועזענער ערשטער לארד פון דעראדמיראליטעט, און איצט א קוירנעל און פריש פון די טרענטשעס איז היינט ערשיענען אויף דער פארלאמענטארישער ארענא מיט א רעדע, אין וועלכער ער האט דעם איצטיגען ערשטען לארד פון דער אדמיראליטעט, באלפור, געענטפערט אויף זיינע ערקלעהרונגען בנוגע דער פלאטע.

ער האט אין זיין רעדע איבעראשט זיינע צוהערער מיט זיין ערקלעהרונג דאס די איצטיגע אדמיראליטעט פערמאגט ניט קיין טרייבענדע קראפט, און דאס מען מוז איהר אריין געבען פריש לעבען איידער עס וועט זיין צו שפעט. און ער ראטה אז מען זאל צוריק ברענגען לארד פישער דעם געוועזענעם ערשטען ים לארד אז ער זאל שטעהן אן דער שפיצע פון דעם ים אדמיניסטראציע.

זיין רעדע האט געהאט א גוואלדיגע ווירקונג, ווייל זי איז געקומען נאכדעם ווי באלפור האט אבגערעדט און האט ערקלעהרט ווי שטארק און ווי גוט און ווי מעכטיג די פלאטע איז פונקט נאכדעם ווי באלפור האט בעוויזען ווי פיעל דיא פלאטע האט אויפגעטהאן אין דער מלחמה פונקט נאכדעם ווי די שטימונג איז געווען א געהויבענע און מען האט זיך געפיהלט גוט איז ער אריין געפאלען מיט זיין רעדע און געשלאגען א גאנץ אנדער טאן.

''עס טהוט מיר זעהר לייד'', האט ער אנגעהויבען זיין רעדע, דאס איך מוז שלאגען אן אנדער נאטע.

''איך קום ניט פארווירפע מאכען, איך קום ניט קריטיקירען און ניט איבערשרעקען, איך קום בלויז ווארענען! מיר מוזען וויסען דאס דייטשלאנד איז ניט געזעסען פערלעגט די הענד די גאנצע צייט ווען איהר פלאט איז געלעגען בעהאלטען אין קיעל קאנאל.

דייטשלאנד האט די גאנצע צייט געבויט שיפען און איצט איז זי וואהרשיינליך פערטיג מיט איהר פראגראם.''

''אויב אונזער פראגראם איז נאך ניט פערטיג, אויב אונזערע שיפען וועלכע מען האט געדארפט אין דער צייט אויפבויען זיינען נאך ניט געענדיגט, מוז מען אונז געבען גענוגע אורזאכען ערקלעהרענדיג פאר וואס דאס איז אזוי.

''לארד פישער מוז צוריק געבראכט ווערען צו דער אדמיראליטעט, וואו עס פעהלט א טרייבענדע קראפט און ענערגיע א זאך וועלכע מען טאר ניט לאזען בלייבען לאנג. די אדמיראליטעט וועט לעבעדיג ווערען, זי וועט קריגען א נייע נשמה ווען מען וועט לארד פישער צוריק רופען.

''איך וויל דאס עס זאל רעקארדעט ווערען און דאס יאהר זאלט וויסען, דאס אויב איך וואלט נאך געווען מיט מיין באאורד אין דער אדמיראליטעט אין 1916 וואלט מיין שטעלונג קיין פאסיווע ניט געווען.''

א שטארקען ענטפער האט ער געקראגען פון אדמיראל סער העדווארטה מיע, וועלכער האט ערקלעהרט דאס אויב מען וועט צוריק ברענגען לארד פישער וועט עס זיין אן אונגליק פאר דער גאנצער פלאטע.

''פאר וואס'', האט ער געפרעגט, ''איז טשורטשיל געווען אויף מעסער שטעך מיט לארד פישער ווען זיי האבען צוזאמען געארבייט ?''

געענדיגט האט ער ערקלעהרענדיג דאס אלע ווינשען איהם — טשורטשיל — הצלחה אין פארנקרייך, אין די טרענטשעס, און דאס זיי האפען אז ער וועט צוריק פאהרען מיט פיעל גליק.

די דייטשען רוהען ניט, ווערדון נאך ביי די פראנצויזען

פאריז, מערץ 7

דער אפיציעלער בעריכט לויטעט :

''אין דער ארגאן געגענד האבען די דייטשען פערזוכט ביי האט שעיוואשעי צו פערכאפען א שלונד פון א מינע, זיי זיינען אבער צוריק געשטויסען געווארען.

אונזער ארטילעריע האט ניט אויפגעהערט צו באמבארדירען די פערבינדונגס ליניען אין מערב זייט פון טייך מעאיז

דורך א שטארקען באמבארדירען זיינען די דייטשען געוועזען אימשטאנד צו וואנסירען מיט דער אייזענבאהן ליניע אין דער נאכבארשאפט פון רעגנוויל. אין דערזעלבער צייט האבען די דייטשען געליפערט א שרעקליכע אטאקע אויף בארג נומער 265. א גאנצע דיוויזיע בעשטעהענד פון 20 טויזענד מאן האבען אין דער אטאקע אן אנטהייל גענומען. זיי זיינען געווען ערפאלגרייך. זיי האבען פערכאפט דיזען בארג, טראץ די שווערע פערלוסטען וואס זיי האבען געליטען פון אונזער ארטילעריע פייער און אונזערע מאשין הארמאטען.

מיר האלטען דאס דארף בעטהינקור און די וועלדלאך אין מזרח זייט פון גרויסען וואלד דעי קארבא און דעי קומיער, און די בערג פון ''גאנזוגעם'' ברעג.

שלאכטען פון ארטילעריע האבען ניט אויפגעהערט יענע נאכט אין מזרח זייט פון טייך מעאוז, אין דער נאכבארשאפט פון ברא און הארדאמאן, ווי אויך אין וועזור געגענד, ארום פראן און אין די דערפער וואס ליגען ביי די בערג.

וואס בערלין זאגט

בערלין מערץ 7

דער קריעגס אפיס בעריכטעט :

אויף'ן מערב פראנט האבען קליינע ענגלישע אבטהיילונגען זיך אריינגעריסען אין אונזערע טרענטשעס אין צפון מזרח פון ווערמעלל, נאכדעם ווי זיי האבען אונז באמבארדירט, מיר האבען זיי אבער נאכדעם מיט אונזערע באיאנעטען ארויסגעטריבען.

''אין שאמפאן האבען מיר צוריק פערכאפט די פאזיציאן, וועלכע די פראנצויזען האבען ביי אונז צוגענומען ביי מעיזאן דע שאמפאן דעם 11־טען פעברואר.

מיר האבען געפאנגען צוויי אפיציערען און 150 סאלדאטען נאכדעם ווי מיר האבען אויפגעריסען א פאר מינען האבען מיר אונזערע פאזיציאנען געשטויסען פאראווערטס אין צפון מזרח פון שאלאד, אין דער ארגאן געגענד.

''לעבעדיגער איז געווען דאס ארטילעריע פייער אויף'ן מערב ברעג פון טייך מעאוז. אין מזרח זייט איז דאס פייער געווען מיטעלמעסיג.

אויסער צוזאמענשטויסען וואס זיינען פארגעקומען צווישען גרופען מרגלים, און אויספארשער, איז קיין האנד צו האנד צוזאמענשטויס ניט פארגעקומען.

''אין וועזור געגענד האבען מיר דינסטאג פריה מיט שטורם גענומען דאס דארף פראן. די פראנצויזען שטעהען אבער נאך פעסט האלטענדיג איינגע הייזער אין הינטערן דארף אין מערב זייט. די פראנצויזען האבען פערלארען מעהר ווי 300 מאן אין געפאנגענע.

''וועהרענד דער נאכט איז די אייזענבאהן סטאציאן פון באר לע דוק שטארק באמבארדירט געווארען פון איינער פון אונזערע לופט שיפען.

אויף'ן מזרח שלאכטפעלד איז גאר ניט געשעהען.

עס איז אויך קיין ענדערונג ניט פארגעקומען אין דער לאגע אויף די באלקאנען.

פאריז מערץ 7

''מיין איינדרוק פון דער לאגע, ווי זי איז איצט, איז די זעלבע פון מיינע קאלעגען.

מען קען דעם איינדרוק ערקלעהרען אין צוויי ווערטער :

''וואקסענדער צוטרויען''.

אזוי האט זיך אויסגעדריקט נעכטען אבענד דער פארזיצענדער פון איינער פון די הויפט קאמיטעס אין דעפוטירטען קאמער.

לויט דער מיינונג פון דער זעלבער אויטאריטעט קען מען מאכען פיעלע פשטים וועגען דער טאקטיק פון די דייטשען בנוגע ווערדון.

מאנכע דענקען אז די דייטשען ווילען פראבירען זייער מזל אויף אן אנדער פונקט, אנדערע ווידער ווילען האבען אז דאס דוהען מצד די דייטשען איז א סארט הקדמה אדער פארשפיעל פאר'ן אריבערטראנספערירען די הויפט דייטשע כחות פון דער זייט טייך מעאוז.

אזוי צו אזוי, דער פאקט אז די זעלבע אטאקען ווערען ניט פארטגעזעצט הייסט אז די דייטשען געבען צו אז עס האט ניט געטוינט. אז מען האט ניט געלאזט. און אויסער דעם גיט עס טאקי א געלעגענהייט זיך שטארקער צו פערטהיידיגען.

די בערג וועלכע זיינען בעקאנט מיט די נעמען : ''דער טויטער מאן'' און ''די גאנז'' ווערען בעטראכט פון מיליטערישע קריטיקער אלס שטארקער, אי דורך זייער געאגראפישער פאזיציאן ווי אויך דורך זייער קינסטליכער ארגאניזאציאן, פון דואאמאן, און אויב די דייטשען וועלען זיי אטאקירען, ווי מען ערווארטעט אז זיי וועלען עס טהאן היינט אדער מארגען, ווארפענדיג אין פייער אריין טויזענדער סאלדאטען, וועלען זיי זיי בלויז פערלירען. געווינען וועלען זיי דערמיט גאר ניט. און יעמעהר די דייטשען וועלען מאכען אזעלכע ''קונצען'' רעסטא שנעלער וועלען זייערע כחות אויסגעהן און עס וועט שנעלער אן ענדע נעהמען.

דייטשע צעפעלינס מיט פראנצויזישע שיינווארפער

פאריז, מערץ 7

פראנצויזישע וויסענשאפטס מענער פערזיכערען דאס די שיינווארפערס (סוירטשלייט) וועלכע די דייטשען נוצען אויף זייערע צעפעלינס, וועלכע זיינען אזוי העלל און קרעפטיג זיינען די ערפינדונג פון א פראנצויז. מ. דוססא, וועלכער האט געהאט ערקלעהרט די נייע ליכט סיסטעמע פאר דער אקאדעמיע פון וויסענשאפטס מענער מיט פיער יאהר צוריק. ווי עס שיינט נוצען עס נאך ניט די פראנצויזען איבער איינפאכער אפיס רוטין, אדער ווי דאס רופט זיך ''רעד טייפ''. עס מוז צוערשט דורכגעהן די גוטיגע ביכער דורך די נסיטיגע הענד און אונטערשריבען ווערען פון געוויסע סעקרעטערים מיט אנדערע בעאמטע, ביז דאס וועט קענען גענוצט ווערען. די דייטשען האבען אפילו אויך ''רעד טייפ'' ביי זיי טהוט זיך אויך ניט אזוי גיך ווי עס רעדט זיך, ביי זיי איז נאך אויסער ''רעד טייפ'' אויך פאראן וואס זיי רופען דיסציפלין, און דאך לכבוד מלחמה, פערבויגט דער דייטש אלעס און דער רעזולטאט איז אז די דייטשען נוצען די פראנצויזישע ערפינדונג כדי צו זעהען וואו און ווען צו ווארפען באמבעס אויף פראנצויזען.

דיזע ליכט ערפינדונג רופט זיך ''קאלטעס ליכט'' און עס איז א סברה דאס זי ברענגט ארויס לייכטענדע קראפט וועלכע איז גלייך צו 90 פראצענט פון דער ערשטער ענערגיע.

פאר אידען וועלכע זענען ארבייטסלאז

די מענעדזשמענט פון ''אידישען זשורנאל'' האט בעשלאסען צו געבען א מעגליכקייט עטליכע אידען, וועלכע זיינען ארבייטסלאז, זיי זאלען קענען מאכען א לעבען, פערקויפענדיג דעם אידישען זשורנאל.

זייט פון די ערשטע, און פערנאכלעסיגט ניט דיזע געלעגענהייט.

זיך ווענדען אין אפיס.

סער ווילפריד לאריער מאכט א פארשלאג וועגען א אונטערזוכונג קאמיסיע

אטאווא מערץ 7

דער פארלאמענט איז היינט נאכמיטאג געווען אויסערגעוועהנליך בעזוכט, פיעלע נייגעריגע זיינען געקומען און האבען אנגעפילט די גאלעריען פון פארלאמענט.

די נייגעריגקייט צו קומען צו דער נאכמיטאגדיגער זיצונג פון פארלאמענט איז געווען צוליעב סער ווילפריד לאריער'ס פארשלאג וועגען אן אונטערזוכונג וועגען דער אלטער שעל קאמיסיע.

וועגען דעם איז שוין פיעל גערעדט און געשריבען געווארען איבער'ן גאנצען לאנד, אבער אויף היינט איז געווען בעשטימט אז דער פיהרער פון דער אפאזיציע זאל מאכען דעם אפיציעלען פארשלאג.

פונקט א פערטעל צו פיער נאכמיטאג האט סער ווילפריד לאריער געמאכט דעם פארשלאג. ער האט ערקלעהרט אז ער איז געטריבען צו מאכען דעם פארשלאג וועגען א אונטערזוכונג אין דער אלטער שעל קאמיסיע, צוליעב דעם וואס דאס גאנצע לאנד האלט אין איין פאדערען אן אונטערזוכונג קאמיסיע און די רעגירונג ערלויבט עס ניט.

ער האט אויך ציטירט פון די אמאליגע רעדעס פון פרעמיער בארדען, גענעראל היוז און לארד גארסאן, וועלכע האבען די גאנצע צייט ערקלעהרט אז די קאמיסיע איז געווען בעשטימט פון דער ענגלישער רעגירונג.

סער לאריער האט אבער געסטראשעט אז ער וועט בעווייזען אז די קאמיסיע איז געווען א קענעדער און ניט קיין ענגליש.

די דעבאטען וועגען דעם וועלען זיך פערציהען אויף גאנץ לאנג.

אנטעריא וועט ארויפלייגען א טעקס אויף די אמוזירונג פלעצער און די וועלכע געהען אהין

א הויכער טעקס אויף רייס טרעקס.

ביי דער נאכמיטאגדיגער זיצונג פון דער לעדזשיסלייטשור האט דער פראווינציעלער טרעזשורער האנארייבל ט. ה. מק'גארי פארגעלייגט זיין בודזשעט פאר'ן יאהר 1916.

אין זיין רעדע האט ער ערקלעהרט אז א טעקס פון 1250 דאלאר א טאג זאל ארויפגעלעגט ווערען אויף אלע רייס טרעקס פאר יעדען טאג וואס זיי טהוען ביזנעס, און א טעקס פון א סענט זאל ארויפגעלעגט ווערען אויף יעדע פערזאן וועלכער געהט זיך אמוזירען אין א טהעאטער, מואווינג פיקטשור, סקייטינג רינק, בייזבאל גיים, אדער וועלכען עס איז אנדער אמוזירונגס פלאץ.

פון די רייס טרעקס האט דער פראווינציעלער טרעזשורער ערקלעהרט אז ער ערווארטעט אן איינגאהמע פון הונדערט טויזענד דאלאר אנשטאט 40 טויזענד, ווי עס איז געווען ביז יעצט, מיט א לייסענס פון 500 דאלאר א טאג.

דער טעקס וועלכער ווערט ארויפגעלייגט אויף די וועלכע געהען זיך אמוזירען אין אן אמוזירונגס פלאץ ווי פריהער אויסגערעכנט, וועט געקאלעקטעט ווערען פון די בעלי בתים פון די אמוזירונגס פלעצער, אבער דאס וועט פעררעכענט ווערען אלס א טעקס אויף די אמוזירענדע.

פון אזא טעקס ערווארטעט דער טרעזשורער עס זאל אריינקומען 350,000 דאלאר, ווייל האט ער ערקלעהרט, 35,000,000 מענשען בעזוכען יעהרליך די פערשידענע אמוזירונגס פלעצער אין אנטעריא.

אונטערהאלטונגען פאר פאטריאטישע צוועקען וועלען ניט געטעקסט ווערען מעגען זיי טראגען א וועלכען עס איז כאראקטער.

חוץ דיזען דירעקטען טעקס האט דער טרעזשורער ערקלעהרט איז ניטא קיין אנדער טעקס פון וואנען די פראווינץ זאל נעהמען געלד.

מר. מק'גארי האט אויך ערקלעהרט, אז לויט זיינע אויסרעכענונגען וועט ביז דעם 31־טען אקטאבער פון דעם יאהר אריינקומען 12,829,378 דאלאר, און די אויסגאבען וועלען זיין ארום 10,931,536 דאלאר.

דער רעכענונג פון לעצטען יאהר, ד. ה. פון 1915 ווייזט אז עס איז געווען אן איבערפלוס פון 271000 דאלאר ווייל די איינגאהמע פאר'ן יאהר איז געווען 12,975,732 דאלאר און די אויסגאבע איז געווען 12,704,362 דאלאר. אין דעם איז ניט געווען אריינגערעכענט דער מלחמה פאנד וועלכער האט אריינגעבראכט 1,346,000 דאלאר.

רעדענדיג וועגען דעם בודזשעט האט ער ערקלעהרט אז לעצטען יאהר איז אין בודזשעט פערגרייט געווארען א פאנד פון 271000 דאלאר, ווייל די איינגאהמע איז געווען כמעט מיט א מיליאן דאלאר מעהר.

וועגען דעם מלחמה פאנד האט ער ערקלעהרט אז דער יאהר איז שוין אנגעפאנגען געווארען מיט אן אויסגאבע פון 200,000 דאלאר און די סומע דארף דעם יאהר געזאמעלט ווערען.

ווי מען דענקט וועלען די דעבאטען געגען דעם בודזשעט פארנעהמען די גאנצע וואך, אין דער לעגיסלייטשור.

פרעזידענט ווילסאן געווינט

וואשינגטאן מערץ 7

דאס ''הויז אף רעפרעזענטעטיווס'' האט היינט קאפיטולירט צום פרעזידענט. דער פרעזידענט האט גובר געווען. 256 געגען 160 שטימען, האבען אנגענומען א פארשלאג אז מען זאל בעשרענקען דיא רעבאטע אויף פיער שטונדען בלויז וועגען דער רעזאלוציאן פון מעק לעמאר אז מען זאל ווארענען אמעריקאנער זיי זאלען ניט פאהרען אויף האנדעלס שיפען וואס פיהרען מיט זיך געוועהר זיך צו פערטהיידיגען.

ווי בעוואוסט האט פרעזידענט ווילסאן ערקלעהרט דאס אמעריקאנער בירגער האבען א רעכט צו פאהרען אויף שיפען וואס פיהרען געוועהר זיך צו פערטהיידיגען, לויט די אינטערנאציאנאלע געזעצע. און אויב דייטשלאנד וועט באמבארדירען אזא שיף און אן אמעריקאנער בירגער וועט דורכדעם פערלירען זיין לעבען וועט עס הייסען אז דייטשלאנד ערקלעהרט קריעג צו אמעריקא.

דער פארשלאג אבער פון מעק לעמאר איז אויסדריקליך געגען דעם פרעזידענט.

עס איז צוערשט פארגעקומען אזא סענזאציאנעלע דעבאטע וועלכע דאס הויז זעהט זעלטען. מאנכע האבען אויפגעפאדערט די מיטגליעדער צו שטיצען דעם פרעזידענט, ''וועלכער טראגט אויף זיך די גרעסטע אינטערנאציאנאלע פעראנטווארטליכקייטען פון וועלכען עס איז פרעזידענט זייט לינקאלן''.

עס האבען זיך געהערט אזעלכע ווארנונגען ווי :

''א הויז וואס איז צעטהיילט געגען זיך זעלבסט קאן ניט שטעהן'', מיינענדיג דערמיט דאס אלע פארטייען מוזען אין דיזען מאמענט זיין פעראייניגט און שטיצען דעם פרעזידענט אין זיין טאקטיק.

עס דארף נאך געשטימט ווערען היינט צום לעצטען מאהל וועגען ''טייבלען'' די רעזאלוציאן פון מעק לעמאור.

יעדענפאלס, נאך אלע דעבאטען און שטימענישען איז דער פרעזידענט ארויס דער זיעגער :

מען וועט ניט ווארנען אמעריקאנער צו פאהרען אויף שיפען וואס פיהרען געוועהר.

דאס וועט הייסען אז דער אמעריקאנער בירגער האט זיין פרייהייט און אויף זיין עהרע.

דאס האט דער פרעזידענט ערקלעהרט, אין זיין פליכט צו היטען און דאס האט ער אויסגעפיהרט.

ווידער טומעל אין ארבייטער רינג

(ספעציעל צום אידישען זשורנאל)

ניו יארק מערץ 7.

די ערוועהלונג פון דר. ב. האפמאן (צביון) אלס סעקרעטער פון ארבייטער רינג אויף דר. ראזענבלאטס פלאץ, האט ארויסגערופען נייעם טומעל. די נאציאנאלע באארד אף דירעקטארס איז געגען דעם, ווי אויך א מינאריטעט אין דער עקזעקוטיוו קאמיטע און זעקס עקזעקוטיוו מיטגליעדער האבען דארום רעזיגנירט.

אין די ארבייטער רינג ברענטשעס קאכט זיך דערוויל, און דער פערלאנג איז, אז קיין סעקרעטער זאל ניט אנגעשטעלט ווערען פאר דער קאנווענשאן, וועלכע וועט זיין אין מאנאט מאי.

קלאוק מייקער סטרייק נאהענט

(ספעציעל צום ''אידישען זשורנאל'')

נוי יארק מערץ 7.

אין דער היגער קלאוקמאכער וועלט איז ווידער לעבעדיג, און אויב עס וועט קומען צו אזא סטרייק ווי אין 1910, וועט עס ניט זיין קיין איבערראשונג, און שולדיג וועלען דאס מאהל, אויב עס וועט קומען צו א סטרייק, זיין, די קלאוק מאנופעקטשורערס.

זייט א צייט, פיהרט אן דעם מעיארס ארביטריישאן קאמיטע אן אונטערזוכונג וועגען דעם קלאוק טרייד, און זי האט בעשלאסען צו רעקאמענדירען א פרעפערענשעל שאפ.

די קלאוק באסעס זיינען אבער ניט צופריעדען מיט דעם, און זיי האבען געלאזט וויסען, אז ווי ברעכען אב א [illegible] צען דעם פראטאקאל, וואס דאס מיינט א סטרייק.

סעם מארטין, דער געוועזענער ''לידער'' פון די היגע קלאוק קאטערס, איז נעכטען ארעסטירט געווארען און ווערט בעשולדיגט אין שיסען א סקעב, בשעת'ן קלאוקמאכער סטרייק.

א בעזונדער אידישער ,,פלאטון'' אין וויניפעג

וויניפעג. —

דער יונגער אידישער לאיער סידני גאלדשטיין, א זוהן פון מעקס גאלדשטיין איינער פון די עלטסטע אידישע תושבים אין וויניפעג, איז בעפאלמעכטיגט געווארען פון דער וויניפעגער מיליטערישער מאכט צו ארגאניזירען אין וויניפעג א אידישען ''פלאטון''. (פלאטון איז אן ארמיי אבטהיילונג וואס בעשטעהט פון 60 סאלדאטען).

מר. ס. גאלדשטיין ארבייט ניט אליין, איהם העלפען א צאהל יונגע אידישע סטודענטען, וועלכע וועלען זיך צוטרעטען צו דער רעקרוטינג ארבייט.

זיי וועלען אויך עפענען א ספעציעלען אידישען רעקרוטינג אפיס.

צו די ,,זשורנאל'' לעזער פון דער קאנטרי

אויב איהר זייט א לעזער פון ''זשורנאל'', האט איהר שוין געהאט די געלעגענהייט צו איבערצייגען זיך אין דעם. וואס דער ''אידישער זשורנאל מיינט פאר'ן אידען אין קענעדע.

אויב איהר זייט א לעזער, זייט איהר אויך א פריינד.

איהר דארפט דארום זיין פעראינטערעסירט, אז אייער שכן און אלע אנדערע אידען פון אייער שטעדטעל זאלען אויך זיין לעזער פון זשורנאל.

שרייבט צו אונז, און מיר וועלען אייך געבען אויסקינפטע, וואס איהר קענט טהאן פאר'ן זשורנאל אין אייער שטעדטעל. עס איז אין אייערע אינטערעסען.

אדרעסירט אלעס :

היברו זשורנאל, סירקולײשאן דעפארטמענט, 251 קווין וועסט, טאראנטא.

הארמאטען פון אסטראליען ווערען גענוצט ביי ווערדון

לאנדאן, מערץ 7

א דעפעשע פון מעלבורן, אויסטראליען, וועלכע איז דא היינט פערעפענטליכט געווארען, אין וועלכער עס ווערט געזאגט דאס דער מיניסטער פון פערטהיידיגונג פיערס האט געהאט אנאנסירט, דאס א בעלאגערונגס בריגאדע פון אויסטראליען שלאגט זיך ביי ווערדון, איז די ערשטע ערקלעהרונג וואס איז דא געדרוקט אז די ענגלישע טרופען אפערירען דארט צוזאמען מיט די פראנצויזען.

עס איז שוין דא געהאט בעריכטעט געווארען דאס די ענגלישע ארטילעריע איז טראנספערירט געווארען קיין ווערדון און דאס זי טהוט דארט גוטע ארבייט. מען האט אבער ניט געוואוסט איבער די גרויסע קאנאנען וואס די ענגלישע האבען דארטען ווער עס געהט ארום זיי. צו די ענגלישע אדער פראנצויזישע ארטילעריע מענשען.

א געלעגענהייט צו טהאן גוטע ארבייט

זייט א צייט מיט יאהרען, גיט זיך א היגער בכבוד'ער איד מר קלאוז אב מיט דעם וואס ער בעזוכט די קראנקע טעגליך אין די האספיטאלס, און בעזארגט זיי מיט צייטונגען.

מען קען זיך פארשטעלען, וואס דאס מיינט פאר אן עלענדען קראנקען.

לעצטענס אבער פיהלט זיך מר. קלאוז ניט ביים בעסטען געזונד, און ער וואלט געוואלט, אז ווער עס איז, זאל איהם איבערנעהמען אויף א מאנאט צייט אין דיזער היילגער ארבייט, און ער אפעלירט דורך'ן ''אידישען זשורנאל'' צו די וועלכע ווילען עס טהאן, זיי זאלען זיך אברופען.

די וואס זיינען וויליג עס צו טהאן, קענען עס טהאן, ווענדענדיג זיך צו מר. קלאוז 128 עדווארד סטריט אדער טעלעפאנירען 2786.

געלדער ערהאלטען

פאלגענדע פערזאנען וועלכע האבען געשיקט געלד צו זייערע קרובים קיין רוסלאנד זיינען ערזוכט צו קומען אין אפיס פון ''אידישען זשורנאל'' נעהמען זייערע רעסיטס, וועלכע מר. ה. וויינבערג האט ערשט ערהאלטען.

א. בוכשטאבער, 50 יוראן סטריט
שטיינבערג, 1 גרענדזש עווענו,
פרענקעל, 5 עלים סטריט.
ב. קאהען, 55 אגוסטא עווענו:
עדעלמאן, וועלאנד, אנט.
קאטין, 159 באלדווין סטריט.
מיסס פיר, 121 באלדווין סטריט
מיסס פאב, 32 סט. ענדרין סטריט.
ז. רובין, 595 באטער סטריט.
מרס. קלאוז, 128 עדווארד סטריט.
קאבעלאף, 4 ד'ארסי סטריט.
ל, האבערמאן 217 ריטשמאנד וועסט.
אברהם שאפירא 78 וועלים סטריט.
ב. קאהען 36 עדווארד סטריט.
ב. קאהען, 39 עדווארד סטריט.

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג פרעזידענט פון דעם
,,אידישען זשורנאל''
שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט מאגעס קורס.

36

סענט (פאררובעל)

מיר שיקען אויך טעלעגראפיש

געלד געשיקט נאך אלע טהיילען פון דער וועלט.

ליעבע, האס און ראכע

אן אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

בעארבייט פון „ל־ק־ד.

(103־טע פארטזעצונג)

ער האט זיך צו איהר אראפגעבויגען און האט איהר אויפ'ן שטערן געקושט, דאן איז זיין בליק ווייטערגעלאפען און א זיפץ האט זיך פון זיין הארצען ארויסגעריסען.

— געליעבטע, דער גליק איז אזוי גרויס, מיר זיינען אזוי גליקליך, דאס איך ציטער עס זאל באלד קיין ענדע נעהמען! ווער ווייס אויב דיא שפיאנען זיינען שוין ניט אויף אונזער שפור, און זיי וועלען אונזער גליק צערשטערען!

— א ווערא, מעהר וויא אימער פיהל איך יעצט, דאס איך וועל קיין מאל אהן דיר ניט קענען זיין! לאמיר נאך א קורצע צייט דעם זיסען, זעליגען גליק געניסען, דאן אבער וועל איך מיט מיין פעסטע האנד די קעטען צערברעכען וועלכע בינדען דיר צו איין אנדערן געבונדען, און דאן זאלסטו אויך פאר דער וועלט מיין ווייב ווערען!

— פראנץ, האט זיא ערבלייכענד געזאגט, וועט עס דיר אמאל געלינגען פערגעס זיך ניט, דאס אונזער קירכע האט איהרע געזעצען, און זא לאנג איינער פון די צווי איז ניט טויטד, זיינען זיי דעם גאנצען לעבען איינע צו דיא אנדערע צוגעבונדען!

זיינע אויגען האבען צארניג אויפגעבליצט און ער האט האסטיג אויסגעשטויסען:

— ניין, געליעבטע, ניע און נימער וועל איך דיזעס אנערקענען, פאר מיין הארץ ביסט דוא פריי און קיין מענש אין דער וועלט האט א רעכט דיר פון מיר אפצורייסען!

— פראנץ האט זיא שוידערענד געשטאמעלט, און דאך וואלט עס פיעליכט לייכטער געווען, מיר זאלען זיך דערווייל שיידען און ווארטען ביז דיא צייט וועט מיר דיא פרייהייט צוריקגעבען. פירשט מענשיק איז א גרייז, ער האט נאך פיעליכט איינינע יאהר צו לעבען און דאן, ווען איך וועל פריי זיין, קען איך דיר אהנע צו פירכטען מיין האנד רייכען, דיא קירכע וועט מיר דאן ניט הינדערן, דיין ווייב צו ווערען!

— ניין, ווערא, האט ער מיט א שמערצליכען לאכען אויסגעשפראכען, אויף דעם קענען מיר ניט ווארטען! ווער ווייס וויא לאנג דער פירסט וועט נאך לעבען און צוליעב דעם זאלען מיר אונזערע בעסטע און שעהנסטע יוגענד יאהרען פערלירען?

— ניין, געליעבטע! מען רופט מיר „דער וואנזיניגער פראנץ" און איך וועל דער קייזערין ציינען, דאס מען האט מיר אומזאנסט דיזען נאמען ניט געגעבען איך וויל דאך דיא קעטען צורייסען, וועלכע בינדען דיר צו דעם גרייז, איך וויל דיר דאך פאר מיר געווינען!

ער איז אנטשווינען געווארען און זיי האבען ביידע וויעדער טרוימעריש געקוקט אויף דער שעהנער לאנדשאפט, וועלכע איז פאר זייערע אויגען געווען.

— עס ווערט קאלט דרויסען, האט דער גראספירסט געזאגט זיך פלוצלונג דערשרעקענד, לאמיר אין הויז אריינגעהען, ווערא!

האנד אין האנד זיינען זיי ביידע אין צימער אריינגעגאנגען.

קוים האבען זיי זיך ביים טיש ניעדערגעזעצט, איז דער אלטער שולטץ בלייך און בעשטירצט צו זיי אריינגעקומען.

— מיין הערר, האט ער זיך מיט שרעק צו דעם גראספירסט געווענדעט, איך ברייננ אייך א שרעקליכע נאכריכט!

— אלס איך האב אין שטאדט מיין איינקויף בעזארגט, האב איך דיא פאסט וואגען בעזעהען קומען, בין איך שטעהען געבליעבען אהנע זיך עפעס צו דענקען און האב מיר דיא פאסאזשירען וואס זיינען אנגעקומען בעטראכט.

— צוערשט האב איך דעם יונגען מאן דערזעהען, וועלכען איהר האט נאך בערלין געשיקט און גלייך נאכדעם האב איך פון א צווייטען וואגען דערזעהען צוויי וויענער געהיימע פאליציסטען.

מיט א שרעקליכען געשריי איז דער גראספירסט אויפגעשפרונגען און האט דעם דיענער שפראכלאז אנגעקוקט, דאן האט ער אטהעמלאז אויסגעשטויסען:

— ווער זיינען זיי? שנעל, זאג מיר זייערע נעמען!

— ווארקין און גאלדרייך!

— ווארקין? אלזא מיין אהנונג האט מיך ניט בעטראגען, דיא שפיאנען זיינען אויף אונזער שפור געקומען! זעהסט דוא, ווערא, איך האב דאס דיר נאך פריהער געזאגט!

— אבער וואס זאל יעצט זיין? האט ער האסטיג ווייטער געזאגט, זיי וועלען אונזער וואהנונג גאנץ לייכט אויסגעפינען!

מיט א הערצרייסענדען געשריי איז ווערא אויפגעשפרונגען און האט מיט אנגסט דעם געליעבטען אומגעארמט.

— אלמעכטיגער גאט, פראנץ, שנעל לאמיר אנטליפען, ווייט, ווייט אין דער וועלט, איידער זיי האבען נאך אונז אין זייערע הענד, האט זיא מיט אלע גליעדער ציטערענדיג געשטאמעלט.

בערוהיגענד האט ער איהר צו זיך געצויגען; אבער א טיפע בלאסקייט האט אויך זיין געזיכט בעדעקט, ער האט זיין שיקזאל געקענט, וואס איהם ערווארט ווען ער וועט יענער אין דיא הענד אריינפאלען ער האט נאך דיא דראהונג פון דער קייזערין ניט פערגעסען.

אבער נור איין בליק אויף דער געליעבטער האט איהם ווידער בערוהיגט; ניט נור פאר זיך אליין האט ער יעצט געברויכט צו זארגען, נור אויך דער געליעבטערס פרייהייט, וועלכע האט זיך מיט איהר שיקזאל אויף איהם פערלאזען, איז אין שפיעל געווען.

— קום, ווערא, לאמיר זיך צו דער רייזע צוגרייטען, נאך דיזע נאכט מוזען מיר פון קעלן אפרייזען!

באלד איז אלעס פערפאקט געווען און דאן האט דער גראספירסט נאך א גרויסע צייט מיט זיין אלטען דינער שטיל גערעדט.

אויס פארזיכטיג האט פראנץ, אלס ער האט דיא ווילא געדונגען, זיין דינער מיט ווערא'ן אלס פאטער און טאכטער אנגעגעבען און זיך זעלבסט אלס דינער פארגעשטעלט, און אזוי וויא זיי האבען מיט קיין מענשען ניט פערקעהרט און האבען זיך פאר פרעמדע אזוי וועניג וויא מעגליך געצייגט, האבען זיי זייער ראלע זעהר גוט געקענט פיהרען.

וויא עס האט זיך יעצט ארויסגעצייגט, איז זיין פארזיכטיגקייט זעהר גוט געווען, ווען דיא פאליציסטען וועלען זיך אויף זיי נאכפרעגען, וועט און מוז זייער פערדאכט באלד פערשוואונדען ווערען, דאך האט ער געמוזט פארזיכטיג זיין און דעסהאלב האט ער דעם אלטען שולץ אין שטאט געשיקט וויא ער זאל וואס שנעלער איינינע געם איינקויפען.

א שטונדע צייט איז דערווייל פערגאנגען.

פלוצלינג איז דער אלטער אין צימער אריינגעשטורעמט.

— מיין הערר, א גאט, — מיר זיינען פערלארען! האט דער אלטער אויסגעגרופען.

— דער שליח וועלכען מיין גנעדיגער הערר האט נאך בערלין געשיקט, האט מיר אויפ'ן וועג בעגעגענט, ער וועט היינט אבענדס קומען, אום דיא בראש איבערצוגעבען, — צו גלייכער צייט האב איך אבער אויך דיא ביידע פאליציסטען, וועלכע האבען דעם ווירטה'ס זוהן שארף בעאבאכטעט און זיי וועלען איהם זיכער נאכגעהן, ווען ער וועט אהער געהן!

ווערא האט ציטערענד דעם גראספירסט ארם ארומגענומען, זיא האט יעצט געגלויבט, דאס עס גיט פאר זיי מעהר קיין רעטונג.

אויך דער גראספירסט איז אין ערשטען אויגענבליק בלאס געווארען; דאך גלייך נאכדעם האט זיך הויך אויפגעריכטעט און האט דעם דינער א וואונק געגעבען, ער זאל איהם אין צווייטען צימער נאכפאלגען.

ווערא האט ניט געוואוסט וואס דיא געהיימניספאלע האלטונג פון איהר געליעבטען בעדייט; אבער גלייך נאכדעם האט זיא א שטילען געשריי פון פערוואונדערונג אויסגעשטויסען, אלס דיא טהיר האט זיך פלוצלינג געעפענט און צוויי אלטע מענער מיט גרויע בערד זיינען איבערן שוועל אריבערגעטרעטען.

— נו, ווערא, איז מיר אין דיזע פערקליידונג צו דערקענען? האט פראנץ'ס שטימע אין איהר אויער געקלונגען און בעטראפען איז זיא צוריקגעטראטען, אלס ער איז יעצט אלס איין אלטער רוסישער דינער פאר איהר געשטאנען.

— ניין, ניין, האט זיא קוים אטהעמענדיג געשטאמעלט, אזוי קען דיר קיינער דערקענען! א, מיין געליעבטער, ווען דיזע שרעקליכע שטונדע זאל שוין גאר פאר איבער זיין!

— ווערא, אויך דוא מוזט יעצט דיין גאנצע גייסטעס געגענווארט צוזאמען נעהמען, האט דער פרינץ ערנסט געזאגט, שולטץ גילט יעצט אלס דיין פאטער, ער איז יעצט וויא דוא זעהסט, אזוי פערקליידעט — איך בין אייער דיענער, פערגעס עס ניט, דוא זאלסט פון דער ראלע ניט ארויספאלען, זאנסט זיינען מיר פערלארען!

— דיא געהיים פאליציסטען קענען יעדע מינוט אנקומען, און אנשטאט דעם גראספירסט וועלען זיי איין אלטען הערן מיט זיין טאכטער און זייער דיענער דא געפינען!

— פראנץ, האט ווערא פערצווייפעלט

די וואקסענדע ארעמ־קייט אין קענעדע

פושאל עלשטוי.

די פערגאנגענע וואך האט די קאמישאן וואס האט געהאט צו אונטערזוכען "אם שטייגען פון פרייזען אויף לעבענסמיטעל, ארויסגעגעבען דעם צווייטען טהייל פון איהר בעריכט. דיעזער טהייל בעהאנדעלט מעהר די לאגע פון פאלק, פאר די לעצטע צעהען פופצעהן יאהר, איבערהויפט פאר דער צייט פון 1900 ביז 1910 מיט מעהרערע ביישפיעלע פון די יאהרען, ביז דער צייט, ווען די וועלט קריעג האט זיך אנגעפאנגען.

דער בעריכט צייגט אונז מיט פיעלע אינטערעסאנטע ציפערען, און בעשרייבונגען, דאס, אין קיין פריהערע פעריאדע זיינען ניט אזוי שטארק געוואקסען אלערליי אינדוסטריעלע און קאמערציעלע אונטערנעהמונגען, ווי אין די יאהרען פון 1900 ביז 1910.

מיר וועלען ניט בעלעסטיגען דעם לעזער מיט די פיעלע ציפערען, וואס ווערען געגעבען אין דעם בעריכט צום פארלאמענט, אין אטאווא. נור איין קורצען קען ווערען געזאגט, אז, די פארמעהרונג גרייכט צו נאהענט זעקס הונדערט מיליאן דאלאר מעהרער, ווי פערגלייכענדיג די ציפערען וועגען דעם וואוקס פון **אינדוסטריע און קאמערץ פון 1890 ביז 1900**.

צוליעב דעם וואקסען פון די אינדוסטריעלע און קאמערציעלע אונטערנעהמונגען, איז געוואקסען די צאהל פון דער בעפעלקערונג אין די שטעדט, די איינוואהנער אין די שטעדט האבען זיך פון 1900 ביז היינט פראפארציאנעל שטארק פארגרעסערט, ווערענד די צאהל פון איינוואהנער אויפ'ן לאנד (פארמס און דערפער) האט זיך פראפארציאנעל פארקלענערט. די צאהל איינוואהנער אין די שטעדט איז היינט 45 פראצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג, אין 1900 איז די צאהל געווען 38 פראצענט.

אין די דערפער און אויף די פארמס האבען אין 1900 געוואהנט נאהענט 40 פראצענט פון דער היגער בעפעלקערונג, היינט וואהנען דארט בלויז 34 פראצענט.

אלס א דייטליכען ביישפיעל פון דער וואקסענדער ארעמקייט פון די היגע מאסען, ברייננט אונז דער רעגירונג בעריכט די ציפערען פון דיאיינינע וועלכע האבען אמאל געקענט פערמאגען א גאנצע הויז פאר זייער פאמיליע, און וויפיעל אזעלכע בעל־בתים עס זיינען היינט דא. אין 1900 האבען 94 פראצענט פון דער בעפעלקערונג פארמאגט א גאנצע הויז, היינט איז זייער צאהל 90 פראצענט. דער בעזונדער ווייזט אן דאס די הייזער זיינען היינט געבויט פיעל בעסער ווי מיט יאהרען צוריק, אבער דערפאר איז רענט געשטיגען מיט אמווייניגסטענס פופציג פראצענט, און דאס צווינגט מענשען צו זוכען א וואהנונג אין "רומס", אנשטאט צו האלטען א הויז פאר זיך אליין. און ספעציעל די אימיגראנטען, וועמעס ווייזשעס איז פאר א צייט זעהר קליין, זיי זענען געצוואונגען צו זוכען א וועג ווי אזוי צו צאהלען די קלענסטע רענט און דעם אויסוועג וואס די קליינע פארדינער געפינען איז דער, אז זיי וואהנען אין איינגעשאפט. די הייזער ווערען אלזא היינט פארוואהנט פון צוויי און דריי פאמילען, אדער פון א פאמיליע און עטליכע באָרדערס. די איינוואהנער אין "איינצעלנע רומס" איז גאר א סך געשטיגען, און די לעצטע פופצעהן יאהר.

דער פרייז אויף די וויכטיגסטע לעבענסמיטעל, איז געשטיגען אויף פולע 50 פראצענט ווערענד ווייזשעס איז אין מאנכע גוט ארגאניזירטע פאכען געשטיגען אויף 40 און 45 פראצענט. אין די פאכען וואו די ארבייטער זיינען ניט ארגאניזירט, און וואו א סך ניטגעלערנטע ארבייט ווערט געברויכט איז די ווייזשעס ניט פיעל געהעכערט געווארען. מיט דעם רעזולטאט, דאס, די ארבייטער מאסען זיינען געצוואונגען זיך צופריעדען שטעלען זיך מיט וועניגער, פון דאס נויטהגנסטע וואס זיי דארפען.

נאך א פאקט, וועלכען די קאמישאָנערס ברייננגען, אלס א רעזולטאט פון זייערע אונטערזוכונגען, איז פון גאר גרויסע בעדייטונג, ספעציעל פאר די ארבייטער. אין דאס אין וועגען דעם, ווי גרויס אדער ווי קליין איז היינט דער חלק, וואס די ארבייטער בעקומען, פון דעם גאנצען רייכטהום וועלכען זיי שאפען און דער רעגירונגס בעריכט זאגט, אפען און דייטליך דאס, הגם, ווי מיר האבען פריהער געזאגט: ווייזשעס זיינען געשטיגען מיט פיערציג פראצענט, איז דאס דאך פאקט אז לויט דער גאנצער סומע פון זייער שאפען, בעקומען די ארבייטער היינט בלויז 20 פראצענט, פון דעם גאנצען רייכטהום, אנשטאט 23½ פראצענט וואס זיי פלעגען בעקומען אין 1900

און אט פון דיזע איינינע פאקטען קענען מיר ציהען א דייטליכען שלוס, די ארבייטער זיינען די לעצטע צעהען פופצעהן, יאהר געווארען אבגענארט אויף צווייערליי וועגען.

ערשטענס: בעקומט דער ארבייטער היינט, מיט דריי און א האלב פראצענט וועניגער, פון דעם רייכטהום וואס ער שאפט מיט 20 פראצענט אנשטאט 23 פראצענט און צווייטענס די אלגעמיין געהעכערטע ווייזשעס וואס ער בעקומט היינט איז ניעדער מיט צעהן פראצעט (40 פראצענט אנשטאט 50 פראצענט) וועניגער ווי ער דארף בעצאהלען פאר זיינע לעבענס־מיטעל, אום צו זיין גלייך אויף גלייך.

קיין וואונדער ניט וואס אונזערע מענשען שרייען אז עס איז "שלעכטע צייטען".

פלוצלינג אויסגערופען, ווען אבער איינער פון דיא פאליציסטען וועט מיר דערקענען?

דער גראספירסט האט א שמייכעל געטהאן און האט זיך שטיל פליסטערענד צו שולטץ'ן געווענדעט, דער אלטער האט צוגעניקט און איז האט דעם צימער פערלאזען.

— דוא האסט רעכט, געליעבטע, האט פראנץ געזאגט, מיר קענען גענוג פארזיכטיג ניט זיין, און עס וועט בעסער זיין, ווען דוא וועסט זיך אויך א ביסעל אנדערש איבערקליידען!

— קום, געליעבטע, אין צווייטען צימער, שולטץ וועט שוין דא די נויטיגע זאכען אנגרייטען, און דאן וועט עס דיא שפיאנען שווער זיין, אונז צו דערקענען!

האסטיג האט ער איהר אין צווייטען צימער אריינגעפיהרט, אין איינינע מינוטען ארום זיינען זיי ווידער אין פארצימער אריינגעקומען.

(פארזעצונג פאלגט)

ראבער סטעמפס

ביזנעס לייטע און ארגאניזאציאנען ווערען היערמיט אויפמערקזאם געמאכט דאס דער „אידישער זשורנאל" מאכט אללערהאנד ראבבער סטעמפס אידיש און ענגליש—

פון 50ס. און העכער.

קלאסיפיצירטע דירעקטארי

שטיינהאסע און גרינבוים
פערסט קלאס טענער קאסטום שניידער. זייער ארבייט איז גאראנטירט 90 ענגעס סטריט. פאן אדעלייד 2796.

אינשורענס

הזן קאפלאנס שיפס קאנטאר
פייער לייף און סיק בענעפיט אינשורענס 297 קווין וועסט. פאן אדעלייד 239

דזש. לעווינטער, אינשורענס אגענט
פייער און לייף אינשורענס אין די בעסטע קאמפ. 415 קווין וועסט. טעלעפאן אדעלייד 1306
5436 24 5

גראסעריס

אידישע קענדי פעקטארי
די איינציגע אידישע האלסייל קענדי פעקטארי אין טאראנטא. ביליגע פרייזען. 24 קער סטריט. קאלעדזש 1233.
17—1

אייז קרים און טאבעקא

דווארקינס אייז קרים פארלאר
צייטונגען און בוכהאנדלונג.
14 פיינס עוועניו סטריט. פאן קאלעדזש 4029

בייסיקעל דילערס

פאלאק'ס 20 ענגעס סטריט
בייסיקעלס און בייבי קערעדזשעס נעפיקסט בעסטע צופריעדענהייט

לערנער בראדערס. פאן עדעלייד 4047
מיר פערקויפען אלערליי בייסיקעלס. מיר ריפעירען אלערליי בייסיקעלס און מאטאר סייקעלס פאר צופריעדענהייט גאראנטירט. 127 טשעסטנאט סטריט

די פירלים בייסיקעל ווארקס
16 ענגעס סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3582. אויטאמאבילס גערענט פאר $1.25 א שטונדע

בארבערס און האר דרעסינג

ליידיס העיר דרעסינג פארלאר.
איך מאך די בעסטע שייטלען און צעפ צו ביליגסטע פרייזען מר. רובין 128 טשעסטנאט סטריט

ניו־יארק העיר דרעסינג
מרס. פינגער מאכט די בעסטע שייטלען און צעפ פון די בעסטע אייראפעאישע האר צו די ביליגסטע פרייזען 137 ענגעס סטריט

דראגיסט

סטראטהערסי סאנס, קעמיסט
ארטהור און יאנג, בלור און פאלמערסטאן פרעסקריפשאנס אונזער ספעציאליטעט (1—13)

דראגיסט.
דראגיסטען אויף וועלכע מען מעג זיך פערלאזען זיינען מרס ליממער 374 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן מיין 3729

קוילהען

מ. איטין
ראדזשערס קוילהען ריכטיגע וואג, שנעלע דעליווערי פאן קאלעדזש 1036. אפיס 55 אגוסטא עוועניו.

דיירי און פראדוס

האלפערינס פוטער
ריינע, פרישע פוטער יעדען טאג. פרעגט אויף אין אייער גראסערי. 227 ספעדיינע עוועניו פאן קאלעדזש 7574

דזש. שיפמאן
איך קויף און פערקויף פערשיידענע סטאר פיקסטשורס. 168 ענגעס סטריט פאן מיין 7636

ל. בעק און קאמפאניע
48 פערל סטריט איך פיקס וועגענס און פיינט זייער און אלטע צו די יעניגע וואס מאכען די ארבייט טעלעפאן אדעלייד 1643
7—4

גלאז, עלעקטריק הארדווער סופליי

ב. שערמאן
גלאזער, בלעכער און הארדווייר. 527 קווין סט. וועסט. פאן אדעלייד 2065.
12 17

ב. קאפלאנס הארדווייר סטארס
140 ענגעס סטריט, און 171 ספעדיינא טעלעפאן מיין 6053
25—2

דזשועלרי און קראקערי

ליטאוויטשעס דישעס סופליי
113 דענישאן עוו. ניער סט. פטריק דישעס אויף חתונות, ברית'ן, פארטיס געבארגט.
12 17

פיינטס און וואלל פייפער

די טאראנטא פיינט און וואלפייפער קאמפאניע.
די שעהנסטע דיזיינס פון וואלפייפער און דיא בעסטע פיינט צו ביליגסטע פרייזען. 45 אנדערסאן סטריט, פאן אדעלייד 3554

האפמאן פייפערהענגער
פייפערט אדער פיינט אוים א רום פאר 2 דאלאר. שרייבט אדער קומט אין 4 באלדווין סטריט
5357—22—3

פארניטשור דילערס

ראטשטיינס פארנישור קא.
ספעשעליסט אין הויז פארנישינג. קעש און קרעדיט 490 קווין סטריט וועסט. פאן קאלעדזש 6981 (12—10)

פארס און שוהס

מ. געללער
73 עליזאבעט סטריט. ספעשעליסט אין רעפערינג אלערליי פארס. טרימינגס סעט און קאוטס. ביליגע פרייזען.
(12—10)

סאפט דרינקס

די. פאומאן
קארמאנייטעד דרינקס, זויערע פיקעלס, פאמיטיעס 11 וואלער האוועל סטריט. פאן קאלעדזש 2190
12—14

קלינינג און פרעסינג

ס. זייד, די עפישינג קלינינג קא.
קלינערס, דייערס און פרעסערס 205 ספעדיינא. פאן אדעלייד 2897
(12—10)

מר. מאריס פראבייסקי
64 ארטהור סטריט. קלינינג און פרעסינג צום ארדער. נייע סוטס ווערט געמאכט אלטע קלאטהינג צו פערקויפען. פאן קאלעדזש 838
7—4

מאקס קירזשנער 125 טשעסטנאט סט.
קלינינג, פרעסינג ריפערינג פאר 40 און 50 סענט א סוט. שרייבט צו אונז און וועלען מיר קומען נאך אייער ארבייט.
5658—7—4

וויינען און שנאפסען

קאלעדאניא ליקער סטאר
פערשיעדענע שנאפסען און וויינען. 3 מעקאל סטריט, פאן [illegible] 2367.

דעליקאטעסען און לאנטש רום

מ. גרייזמאן'ס
ניו יארק כשר ווורשט סטאר און לאנטש רום פאן ארדערס דעליווערט. 72 טשעסטנאט סטריט טעלעפאן מיין 6203
7—4

איטין'ס קוילהען
פון ראדזשערס צום קאסטומער. שנעלע דעליווערי טעלעפאן קאלעדזש 1036.

ווערט פערוארטהיילט צו לעבענסלענגליכע געפענגניס

—(: :0: :)—

ווינדזאר, אנטעריא מערץ 7

טשארלס רעספא, וועלכער האט זיך מודה געווען, דאס ער האט אונטערגעלעגט דינאמיט און וואלקערוויל געביידע, אין ווינדזאר, איז היינט געפונען געווארען שולדיג פון אסייז דזשורי און איז פון דזשאסטיס פאלקאנברידזש, פאר וועמען די טרייעל איז געווען, פערמישפט געווארען צו לעבענס לענגליכע געפענגניס.

די דזשורי האט זיך ניט מעהר בערעטהען ווי א האלבע שטונדע און האט ארויסגעטראגען א ווערדיקט פון שולדיג.

ארויסגעבענדיג דעם אורטהייל האט דער טשיף דזשאסטיס ערקלעהרט צום אנגעקלאגטען, אין אייער קיים איז ניטא גאר נישט פאר וואס מען זאל מיט אייך סימפאטיזירען, איהר האט זאגאר ניט קיין אויסגעטראכטען תירוץ פאר אייער טייפעלשער ארבייט.

און דערפאר פעראורטהייל איך אייך צו לעבענס לענגליכע געפענגניס.

דער אנגעקלאגטער האט אויפגענומען זיין אורטהייל גאנץ רוהיג, און געלאסען, ער האט זיך זאגאר ניט א קרים געטהאן. שפעטער אבער ווען מען האט איהם ארויסגעפיהרט פון געריכט האט ער ערקלעהרט פאר די וועכטער אז ער האט זיך קיינמאהל ניט גערעכט צו בעשטארפט ווערען מיט מעהר ווי 10 יאהר געפענגניס.

ראספא האט ניט געהאט קיין עדות פאר דער פערטהיידיגונג. ער האט אבער געהאט א לאיער.

ווען מען האט איהם געבאפט האט ער זיך פאר דער פאליציי מודה געווען אין דעם פערברעכען.

עקספרעסען און שווערע וועגענס.
ווי אויך פוירסט קלאס קערידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לווית.
אנענטור פון פ. בוירנס און קא. קויהלען.
האלנריוס ליוטרי 11 גרענריש עוו.
פאן קאלעדזש 4958

פייער אדזשאסטערס פאר די אינשורענס.
ווען עס טרעפט בייא אייך א פייער היינט ביינאכט טעלעפאנירט מיין 3739, ביינאכט היליקרעסט 2037. קאנאדיען אדזשאסטמענט און אינספעקשאן ביורא 84 וויקטאריא סט.

Real Estate
ריעל עסטייט

צו פערדינגען 2 פלעטס מיט מאשינען פאסענד פאר א שניידער שאפ, נאכפרעגען 270 קווין וועסט.
5642—8—3

זעהר א פיינע פורנישד רום מיט אלע אימפראוומענטס אויף א טעלעפאן אין א רעספעקטייבעל הויז צו רענטען פאר א בכבוד'ן מענשען, נאכפרעגען 108 באלדווין סטריט. טעלעפאן קאל. 6903.
5430—14—3

א גוטע געלעגענהייט פאר א פיהיגען מאן איבערצונעמען א דריי גודס סטאר קען מאכען א גוטען לעבען.

לאנג ליעס, ביליג ערנט מיט פיינעם וואהנונג פרעגען 625 קווין סט. וועסט.
5477—8—3

עקסטשענזש, 6 רומעד בריק האוז, מיט באד רום, סענטראל, פאר סטאק, אויף גודס אין שטאדט אדער קאנטרי. סטאר פרייזס 4000, קעש $1000 באקס 984
5615—3

זעלטענע געלעגענהייט!
אן איינגעטרייטע ליידיס טיילארינג און קלאוקס ביזנעס אין לאנדאן אנט. פערלאנגט א פארטנער, מוז זיין א פאכמאן און האבען פון $500 ביז $1000 אין קעש. אויסקינפטע צו בעקומען אין 369 קינג סטריט וועסט טאראנטא, פון 8 ביז 10 אוהר אבענד צו פרעגען אויף מר. אייזלער.
5678—3—8

„אויף שמחות און אונטערהאלטונגען"

אויף א חתונה וועלכע האט שטאט געפונען זונטאג דעם 5־טען מארטש, התן כלה דזשאו און קייטי וויענער איז קאלעקטעט געווארען דורך מרס. ליבערמאן און מר בנימין יוסף מ. ספראק די סומע פון $15,50. די געלד איז אריינגעבראכט געווארען ביי מרס ליבערמאן.

מר קאהען פון דער טיפ־טאפ טיילארינג האט בייגעשטייערט 5 דאלאר פאר צעהלען דאס געלד.

קאלעקטעט אויף א חתונה ביי מר. ארענשטיין $3,40 פאר די מלחמה קרבנות מר ערענווארט און מר ארענשטיין האבען געבראכט די געלד.
(2028)

אויף א ברית ביי מר און מרס שערעסניק 113 אקספארד סטריט איז קאלעקטעט געווארען 10 דאלאר און $2 האט די סימפעטעארין צוגעלעגט, צוזאמען 12 דאלאר. די געלד איז אריין געבראכט געווארען ביי מרס ליטאוויץ. חזן מאנאוויטש איז געווען דער מוהל.
(2027)

אויף א פארטי ביי מר און מרס. צוקערמאן 111½ וויליאם סטריט איז קאלעקטעט געווארען 5 דאלאר פאר דיא מלחמה ליידענדע. דאס געלד איז געבראכט געווארען ביי מיס שווארץ און מרס. פראנקפארט.
(2026)

אויף א ברית ביי מר און מרס. פרענק שיפער 130 יוראן סטריט איז קאלעקטעט געווארען די סומע פון 40,50 דאלאר דורך די איניציאטיווע פון חזן וולאדאווסקי.

דאס געלד איז אריינגעבראכט געווארען ביי מרס סאפיא הארניק און מרס דזשעסי פרייפעלד.
(2025)

ביי א טהעע פארטי אין מר. שאפירא'ס הויז 170 פאלמעסטאן עוועניו איז קאלעקטעט געווארען די סומע פון 4,25 פאר די מלחמה קרבנות.
(2029)

ביי מר. פריעדמאן פון 48 קענזינגטאן עוועניו אויף א פארטי פון א בר־מצוה איז קאלעקטעט געווארען פאר די מלחמה קרבנות 16 דאלאר. פאר אוועקטראגען צום טרעזשורער מר וויינבערג די געלד האט מר פרידמאן און דער בר מצוה באי מיכל פרידמאן אין א באי בענע וויינשטיין בעצאהלט 5 דאלאר.
(2030)

ה. מילער פון 212 מעקאל סטריט, בעדאנקט דאס דזשאנקשאנער פובליקום, הויפטזעכליך די פרויען סאסייטי פאר'ן כבוד וואס זיי האבען אבגעגעבען די פערשטארבענע מרס. מילער.
5675—8—3

ארדערט היינט—סיטי דיירי מילך
קאלעדזש 2040—21 פיינטס $1

ארבייטער פערלאנגט

מיידלאך פערלאנגט
אהן קיינע עקספיריענס נאכפרעגט דאמיניאן טאי קא.
Dominion Toy Mfg. Co.
161 Queen St. East

פערלאנגט עקספיריענסד **סקירט** אפערייטארס און דרעס אפערייטארס. דזשונאר און מיטעס קאסטום קא. 217 ריטשמאנד סטריט וועסט.
5676—10—3

פערלאנגט אפערייטארס און פינישערינס בייא פענטס. גוטע פרייזען, סטעדי ארבייט. פרעגען עמפייער קלאדינג קא. 156 דזשאהן סטריט.
5671—14—3

פערלאנגט פינישערינס צו פעלען קאוטס. נאכפרעגען 16 פערל סטריט.
5680—3—10

פערלאנגט פרעסערס און פינישערס צו קלאוקס.
פרעגען 32 גרענדזש עוועניו פאסלאנס [illegible] און סאנס.
5681—10—3

פערלאנגט 3 אדער 4 גוטע שניידער שטענדיגע ארבייט און גוטע ווייזשעס געצאהלט. זיך נאכפרעגען 170 **יארק סט.**
5673—10—3

פערלאנגט אפערייטארס פאר קלאוקס און סוטס.
נאכפרעגען פרענקס מאנופעקטשורינג קאמפאניע דארלינג בילדינג, **ספעדיינא** און אדעלייד סטריטס.
5665—10—3

פערלאנגט קאטערס און עקספיריענסד פינישערס בייא ליידיס **קלאוקס.**
נאכפרעגען ס. פ. מאק'קינאן **און קא.** יארק און **וועלינגטאן.**
26743—10

פערלאנגט אפערייטארס און **שניידערס אויף** מיידלאך בושלער.
נעשיאנאל קלאדינג קאמפאניע 122 **אדעלייד** וועסט.
5664—10—

פערלאנגט א יונגען מאן **וואס קען** גוט רעדען ענגליש, ער זאל **קענען זיין** א גוטער קענוועסער פון הויז צו הויז.
נאכפרעגען 270 קווין וועסט.
5642—8—3

פרעסערס, פינישערינס און **סליוו** מייקערינס פערלאנגט צו מענער **ארבייט,** נאכפרעגען 569 קווין סטריט וועסט ערשטער פלאר, ראיאל האלסייל טיילארס.
5643—8—3

פערלאנגט א באי פאר א **קלאדינג** סטאר, פרעגען 161 יארק סטריט
5662—3—9

עקספיריענסד פינישערס צו **סערזש** און סילק דרעסעס.
בעקער סקוירט קא. 333 **אדעלייד וועסט**
5654—8—3

פערלאנגט פענטס אפערייטארס אויף פיינע קאסטאם ארבייט, סטעדי דזשאב פאר דעם ריכטיגען מאן. **נאכפרעגען** ראיאל האלסייל טיילארינג 569 **קווין** וועסט.
5655—3—9

עקספיריענסד ווייטער **פערלאנגט.**
גרובערס רעסטאראנט 218 קווין סט. וועסט.

פערלאנגט עקספיריענסד **אפערייטארס** פאר ווייסט קאוטס און **אייפראנס.**
נאכפרעגען 251 מיטשעל **סטריט.**
5620—3—9

פערלאנגט א פרוי פאר הויז **ארבייט** אדער א קעכין, אויך א יונגע מיידעל אכטונג צו געבען אויף א קליינע קינד.
נאכפרעגען 408 מארקהעם **סטריט.**
5628—3—9

מיידלאך פערלאנגט צו אפערייטען מאשינען, אויך פינישערס צו קלאוקס.
הוטנער קלאוק קאמפאניע 439 **קינג** סטריט וועסט.
5632—8—3

פערלאנגט אפערייטארס און **ארויס־**העלפערס צו קלאוקס. **זיך נאכפרעגען** הוטנער קלאוק קאמפאניע 439 **קינג סט.** וועסט.
5632—8—3

BUSINES CHANCES
ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

צו די שוה מייקערס פון טאראנטא!
איך פערקויף אלעס אוים וואס **איך** האב אין סטאר צו די **ביליגסטע פרייזען.**
נאכפרעגען 203½ יארק סטריט.
5656—3—9

א קלינינג און פרעסינג ביזנעס צו פערקויפען, א גוטער שניידער קען מאכען א פיינעם לעבען. נאכפרעגען 270 קווין וועסט.
5642—8—3

גוטע איינגעטרייטע גראסערי צו פערקויפען, גוטער טרייד, **אידישער אונד** קריסטליכער. **אורזאכע פערלאזט די** שטאדט.
פרעגען 108 מיידזאר סט. אדער פאן קאלעדז 4403
5667—11—2

ווער מאכט יעצט
אייערע פרינטינג?

ווייסט איהר אז „דער אידישער שזורנאל” נעהמט אן ארדערס פאר פרינטינג.

מיר מאכען די בעסטע דרוק זאכען פון דעם קלענסטען וויזיט קארט ביז די גרעסטע צייטונג.

ווען איהר דארפט האבען פרינטינג און איהר ווילט זיין זיכער צו האבען א גוטען דזשאב, געמאכט אין צייט, און ריכטיג אטענדעט.

טעלעפאנירט גלייך צו דעם

„אידישען זשורנאל”

טעלעפאן עדעלייד 3967

אונזער פארטרעטער וועט צו אייך קומען און אייך געבען דעם ריכטיגען פרייז.

פרינטינג דעפט.

אידישער זשורנאל

251-3 קווין סט. וועסט

דאס פוילישע אינגעל

די לעבענס - בעשרייבונג פון א פוילישען אידען, פון זיין געבוירען ביז זיין פערלוירען

פון יצחק יואל לינעצקי

ערשטער טהייל

(16-טע פארזעצונג)

אזוי בין איך אויסגעניקערט געווארען ביז חנוכה, ווען איך בין אויף אכט טאג אביסעלע אויפגעריכטעט געווארען: די אכט טאג האט מען אין חדר נאר געלערנט ביז צוויי א זייגער, אי דאס, ליט קיין גמרא... היינט פלעגען מיר שפיעלען מיט'ן רבינ'ס אינגעל אין דריידעל און אין ציגעל... אמת ער האט אונז אלע אבגעראצט ביז אין לעצטען גראשען, ווארען דער רבי פלעגט דאך איהם, בלומר'שט אונטערווייליגס צוואווייזען און אונטערהעלפען... נישמעהר, מיר אליין האבען איהם באהבה צוגעלאזט דעם קאהן, כדי ער זאל אונז אויפהערען מסר'ן ביים רבי'ן... ביים אוועקגעהן פונ'ם חדר ווארמעס - פריי פלעגט אונז שוין דער רבי נאכשרייען מיט א געלעכטערל: "ברענגט, קינדער, מארגען אויך געלט, וועט איהר ווייטער אביסעל שפיעלען..." פערשטעהט זיך, אז איך האב שוין בעדיי ארויסגעגנב'ט דעם לעצטען גראשען ביי דער מאמען — אבי שפיעלען!... און טאקע פון דעמאלט אן האב איך ליעב בעקומען צו שפיעלען אין געלד, אזוי אז שוין נאך חנוכה אפילו, פלעג איך אויך שפיעלען מיט די אינגלאך, טאקע ביי דער גמרא, אונטערען טיש, און אבי דעם רבינ'ס אינגעל האט געוואונען, פלעגט זיך שוין דער רבי נאר אויף צוקלאמערשטען בייזערען.. און פלעגט שוין באלד א שמייכעל טהאן: "אי, ווייסע חברה'ניקעס איינע! נא, נא, שפיעלט אייך א האלבע שעה, שפיעלט אייך! נאר זעהט זשע, דערנאך צו דער גמרא מיט חשק!...." א כלל, איך האב מיך שוין אויסגעלערנט אין רעשעטע-אדלער; אין האלבער - צוועלף, אין איין און דרייסיג, אין קאשעק, און שפעטער שפעטער אין א קערטעל אויך! אז נאך היינט ברענען איך צו'ן א קארט ווי א העליש פייער!... אזוי אזוי ווערט מען א לייט איבער א סך אונזערע אידישע מדות אין פוילען!: פון א דריידעל ווערט מען א קארטיאזשניק; פון תקון אין קלייזעל — א שכור; פון ארויסנעהמען א טיכעל אויף קאטועס — א גנב, פון חסיד'שע לשון הרע'ס און רכילות'ן — א מסור... און אזוי ווייטער!...

טאך חנוכה ווידער דער ווינטער "ביינאכט" נאר וועניגסטענס האט די בלאטעס פטור געווארען! אי' די קריוודעס צו מיינע קאזלאווע שיכלאך מיט די האלב באפירענע פאדעשוועס?... איי ביטערע פרעסט צו מיין זיסען הולך!.. עט! א פשוטות! איבער די קרידעס בין איך דאך אפטער געפאלען — האט דאס מיך אלע מאהל פארטערעראמעט פון די פחדים ביי נאכט... נא, און מכח די פרעסט איז דאך אודאי ניטא וואס צו רעדען: א פערפרוי'ענער פיהלט ממילא קיין קעלט ניט!... דער ווייל האט זיך אנגערוקט דער חודש אדר האט דער רבי אנגעהויבען אפטער געמען אביסעל בראנפען: "משנכנס אדר מרבין בשמחה"... אודאי זענען מיר אביססעלע פרייער געווארען.... איך פלעג מיך אפט ארייכנאפען אין באד, הערען די חברה מאכען די פורים-שפיעל; פון דער באד זיך אביסעל גליטשען אויפ'ן טייך און בינו לבינו איז דער ווייל געקומען דער ליעבער פורים! א, א וועלט מיט קלייגע וועלטליך! איך קויף פורים-גרייט איך שלאג המן'ען; איך גנב'ע המן-טאשען ביי דער מאמען; איך לויף נאך די פורים-שפיעלער; איך שיק שלוח מנות מיינע חברים. היים-בהיך'ן שיק איך א רעטע בעל ביט א פאקעל — שיקט ער מיר אפ א פאקעל מיט א רעטעכעל; אשר-יונה'ן שיק איך א פירעלע מיט א קאפהאן — שיקט ער מיר אפ א קאפפהאן מיט א פירעלע. געציבעס אינגעל עס שיקט מיר באלד גיט אפ קיין שלוח מנות — לויף איך צו איהם א היים אליין נעהמען מיין שלוח-מנות, און אז ער גיט ניט — רייס איך איהם באלד אראפ דאס היטעל... איי דער נאכט זענען צו אונז געקומען די פורים-שפיעלער: א שוסטער-יונג איז אחשורוש; א רופאיונג — המן; א פערשטעלער משרת'ל אין א היפע מיט א שטערענטיכעל איז געווען אסתר; א בייגעל-טרעגער אין א בונדע מיט א צאפ — ושתי, און דער באר-יונג אין א קאפטען מיט א ספאדעק איז געוועזן מרדכי, און האט גערעדט אויף אלע שבעים לשונות, נאר קיין פראסט אידיש האט ער ניט געקענט... א כלל ס'איז געווען ששון ושמחה אויפ'ן העכסטען אופן, און תיכף נאך פורים האט מען אויפגעהערט געהן ביי נאכט אויך! — ש'שן-פורים ביטאג האט דער רבי געהייסען, מיר זאלען זיך צונויפ לעגען אויף א סעודה ביינאכט אטליכס אינגעל האט געבראכט א פיטאק מיט א המן-טאש, דער רבי האט געקויפט בראנפען מיט דארע קישקעס, די רבי'צין האט אפגעבאקען רעטשענע פלעצליך, דער רבי האט געטרונקען לחיים און פון דעם טראפען אויפ'ן דנא, האט ער אויף איטליכען אינגעלס אריינגעטעלעפעטע ציגג אויסגעזייט א טראפען, און געגעבען א שטיקעלע דארע קישקע, אזוי דין, ווי איין אבגעריבענער גילען, צו פערבייסען, און יעדען א האלב פלעצעלי אין קעשענע אריין... ביים אוועקגעהען האט ער אונז אנגעזאגט, אז אויפ'ן יאהר און אין דער היים זאלען מיר זיך בלומערשט מאכען שיכור... נא, נא! מיינט איהר איך בין דאך תמיד א מזל-דיגער האז — אודאי דארף איך אנטרעפען, זיך שכור מאכען אויף א גליטש, און זאל פאלען און זיך אויסברעכען א פוס... מילא, מן הסתם איז מיר אזוי בעשערט!.. איך בין אבגעלעגען אויפ'ן פוס קארגע אג דיההאלבען יאהר, ווען ס'איז מיר אביסעלע גרינגער געווארען דער וועהטאג פלעג דער טאטע מיט מיר אבריקען א פרק-משניות, א בלעטעל עין-יעקב, און אזוי בין איך פאוואליע אלט געווארען 9 יאהר; פון קיין חדר איז שוין נאר קיין רעדע ניט געוועזען: איך האב גע'ש'ם'ט אין שטאדט פאר איין עלוי, א חריפות'דיגען קאפ... ווארען, וואס א גרעסערער שייגעץ, א וויסער חברה'ניק דאס פוילישע אינגלאך איז, איז דאס אלץ מעהר סמן, אין פוילען, אויף א חריף, א ווילדען בר-שכל!

(פארזעצונג פאלגט)

דער לעצטער פון מנין

איינער אליין, ביי א טיש, וועלכער איז געווען געגרייט פאר צעהן מענשען, אין טשארלז בעררי, פון שיקאגא, געזעססען און געפייערט א באנקעט. דיא אנדערע ניין ישטוהלען זיינען געווען ליידיג, דיא וואס האבען געלאזט זיצען אויף זיי זיינען שוין געווען אויף יענער וועלט.

מיט דרייסיג יאהר צוריק האבען צעהן גוטע פריינד געגרינדעט אזא מין פעראיין וועמעס קאנסטיטושאן האט געפאדערט אז דיא מיטגליעדער זאלען איין מאל אין יאהר זיך צוזאמענקומען און עסען א גוטען מאהלצייט. ווייטער איז געווען אבגעמאכט אז ווען איינער פון היא מיטגליעדער שטארבען זאל מען קיין אנדערען ניט אריינגעהמען אנשטאט איהם און זיין ארט ביים באנקעט טיש זאל בלייבען ליידיג, נור זיין עסען זאל סערווירט ווערען, אזוי ער וואלט ביי דעם געווען.

איינע נאך דיא אנדערע זיינען דיא מיטגליעדער פון דעם מאדנעם פעראיין אויסגעשטארבען, ביז היינטיגען יאהר, ווען צום באנקעט איז געקומען בלויז בעררי, דער לעצטער פון דעם מנין גוטע פריינד. איז ער געזעסען גאנץ אליין און געגעסען, קוקענדיג אויף דיא ניין ליידיגע שטוהלען ארום טיש, וועלכע זיינען געווען ליידיג, און אויף דיא ניין פולע טעלער וועלכע קיין האנד האט ניט אנגערוהרט.

אום צו פערטרייבען זיין אומעט האט ער אויסגעטרונקען א פלאש וויין וואס איז פערבליעבען נאך פון ערשטען באנקעט, מיט דרייסיג יאהר צוריק, און עס איז דאן געווען אבגעמאכט אז דיעזע פלאש וויין זאל אויסטרינקען דער לעצטער מיטגליעד פון פעראיין.

א קצור פון די גערעטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקרמען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער יאלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אוידזשענסי אדער סאב אוידזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין יעדע אין לאקאל אוידזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווענינער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל אויסער ווען דערוואהנונג איז אויפ'ן זעלבען פלאץ

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטידער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויפ'ן פלאץ און יעדע זעקס יאהר ווען די האמסטעד געהט ארויין אין קראפט (שוין ארויסרעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קולטיווירען איז אבהענגיג אין קיים אויב אויף געפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגער אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעגיסטרער צו האמסטעד אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטען קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 3 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען אין יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויף בילדען א הויז אין ווערטה פון $300

וו. וו. קארי.

דעפיוטי מיניסטער פון אינטעריאר

נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.

דער גרעסטער אנטיסעפטיק מוהל
און
דער מאדערנסטער מסדר קדושין
אין טאראנטא.

איז

קאנטאר, וולאדאווסקי

רופט מיך און איבערציינט אייך.

קאנטארי לייט קענען מיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.

פיר ארימע אומזאנסט.

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און מעקאל סטריט
DR. M. KATES, Dentist
218½ Queen St. West
Phone Main 1979

אברהם קאהען
באררייסטער
נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פיר נעהמען אפידייוויטס
Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. JUNCTION 1545

חזן קאפלאן

וועלכער האט פאזעטיוו פער דיענט פון אללע אידען פאטריניייזד צו ווערען די וואס קענען חזן קאפלאן, פער די לעצטע 10 יאהר, אין טאראנטא, ווייסען עס דארום טהוט אייער מענשליכע פליכט און פאטראנייזט דעם יענם וועלכער האט פערדיענט פאטראנייזט צו ווערען רעוו. מ. קאפלאן 166 דזשאן סט.

טעלעפאן עדלייד 1545, אפפיס טעלעפאן 239 מוהל און מסדר קדושין.

כשר
TERDIMAN'S

כשר ווארשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די נעשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע מאסטעדזשעס. ווארשט. סאלאמא. פאסטראמא. צונגען און אלע סארט פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאנ'ס כשר מאסטעדזש מיט'ן רויטען לייבעל.

266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
ארדערס דעליווערט איבעראל.

פיר שמחות

ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים וויין אדער ביער, ראן קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמא

דזש. וו. רייען
188 קווין סט. וועסט, פאן מיין 106
פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סמאק
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

כשה און בילינג און גוט

איך שטעל בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסערים און אייזקרים פראלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע וואארס ווערען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעש. און איהר בעדארפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעס. דאס זיינען די וואארעס: ווארשט, וויענער קארענבייעף, באלאניע

ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט

משה מאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן אדעל. [illegible]

די פראוי סטארעדזש און קארטעדזש קא. לימיטעד

הויפט אפיס 323 קאלעדזש סטריט
טעלעפאן: קאל. 386. מיין 5237

סעפארייט רום סיסטעם פאר האלטען פארניטשור

אויסגעבעטע וועגען. גוטע און אויסערגעוועהנליכע מעגליכקייטען צו מופען אדער סטארינג הויז זאכען און סחורה, עקספערט פעקערס. באגעדזש טשעס די אלע פעקינג מאטיריעלס בעוארנט. גוטע בעהאנדלונג און ביליגע פרייזען.

Toronto Wet Wash Laundry
Company, Limited

פערליערט ניט אייער געלד און צייט. גיט אונז אייער לאונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.

רעמט 30 פונט — 75 סענט. ראף טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.

291 ARTHUR STREET
Phone Parkdale 5280-5281

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY

באנאווענטשור יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

אושען לימיטעד
געהט אב 7.25 נאכמיטאג
טעגליך

מאריטים עקספרעס
טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס
סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.
מאטפרעא, און האליפאקס
קאנעקשאן פאר סיינט דזשאן, די סידנים פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפין דזשענעראל וועסטערן אוידזשענט 51 קינג סטריט איסט, טאראנטא. מיין 554

הודעה מהרב מאיר צבי לעווי 108 באלדווין טעלעפאן קאלעדזש 6908.

איהר געפינט מיך צו יעדער צייט אין הויז צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים דהיינו שאלות, דין תורות, עצות, טובות בין איש לאיש, אויך צו סעטלען אלערליי טראבעלס ביטווין מאן אונד פרוי נאכ'ן אידישען דין און אויך סדרי קדושין. ווארום זאלט איהר אין אזא שלעכטער צייט אוועק ספענדען אומזיסטע געלד אויף אלערליי נארישקייטען, ווען איהר קענט בעקומען חופה וקדושין ביי מיר אין הויז מיט די בעסטע צופרידענהייט, אפילו מערידזש ליסענס וועל איך אייך פערזארגען. גאט וועט אייך געבען א גוטען מזל און מיין הויז.

קומט אין הויז, אדער טעלעפאנירט אויף דעם אויבענדערמאהנטען אדרעס.

חזן מאנאוויץ
מוהל ומסדר קדושין

אלע זיגען שוין איבערציינט אז ער איז א קינסטלער א מוהל, און מסדר קדושין.

רופט איהם און איבערציינט זיך אדרעס 233 בעווערלי סט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

די געלעגענהייט פון נוי אנטאריא

די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא ווייסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא מיט איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד אפפערט צו די יעניגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויפ'ן לאנד,

ווייסט איהר דאס די געלבע רייכע אגריקולטור לאנד וועלכעס מען קען דערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי אדער פיר א קליינע סומע געלד, פראדוצירען שוין די בעסטע תבואה אין דער וועלט.

פיר ווייטערע אויסקינפטע, פיר ליטעראטור וועלכע בעשרייבט דעם אויבענגערמאהנטען געגענד שייבט צו:

דזש. ה. פערגוסאן
מיניסטער אף לענדס, פארעסט און מיינס.
פארלאמענט בילדינג
טאראנטא אנטעריא

סעפערייט רום סיסטעם

די וויליאמס
קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252

דזשענעראל קארטיידזש איידזשענטס
368 ספעדיינא עוו. טאראנטא, אנט.

באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד. שטוב זאכען געפאקט און געשיפט ביי עקספערטען. וואגענס צו רענטען צו 1 דאלאר 25 סענט א שטונדע. ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט צוגעדעקטע וואגען. פלעזשור פריפס.

ל. י. רעדפערן

THE DAILY HEBREW JOURNAL

H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.

The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario

PUBLISHED BY

— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —

251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967

SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR

SINGLE COPY 1c.

Entered as Second Class Mai Matter at G.P.O. Toronto, Ontario January 22nd, 1913

די ידיעות וועגן טערקיי

אויף דיעזען פלאן איז שוין עטליכע מאהל אנגעמערקט געווארען, אז גאנץ וועניג גלויבען דארף געלעגט ווערען אויף די אלע פרעהליכע ידיעות וועלכע זיינען מעהרסטענס קארעספאנדענטען־פאנטאזיעס. און אז אין די שלום ידיעות וועט מען ערשט דאן קענען גלויבען, ווען עס וועט קומען צו שטופע פון אן ענטשיעדענער שלאכט.

דיעזע מיינונג האט זיך דערהוייל ארויסגעזאגט פאר די ריכטיגסטע, אבער נאר בנוגע אלע לענדער, און ניט געגען דער טערקיי.

פאר דער מדינה פון דער "האלבער לבנה", מוז און דארף א בעזונדער מאסשטאב אנגעווענדעט ווערען, און ווען אין די לעצטע טעג האבען זיך אויף דאס נייע בעוויזען די בעריכטען, אז די טערקיי וויל שוין פערהאנדלען וועגען פריעדען מיט די "עליים", קען מען זיך צו דיעזע בעריכטען ניט בעציהען אזוי מיסטרויאיש.

די קליינע און שוואכע מלוכות האבען בכלל פערלוירען וועלכע עס איז דעה אין דעם יעצטיגען אייראפייאיש מיליטערישען קאנצערט, און מוזען שפיעלען אויף די זעלבע סטרונעס, ווי עס טהוען די גרויסע און קענען פון אלגעמיינעם כאר ניט אבשטעהען. בעלגיען, סערביען אדער מאנטאנעגרא, האבען אבער זייער שיקזאל פערבונדען מיט די אלאירטע מעכטע, און אין יעדען פאל ווייסען זיי, אז זייער גאנצקייט איז א געזיכערטע. ווי אזוי די קריעג זאל זיך ניט ענדיגען, וועלען בעלגיען אדער סערביען אלעס בלייבען מלוכות, מלוכות זעלבסט שטענדיגע, און זיי וועלען ווידער קענען גוט מאכען דאס וואס די מלחמה האט יעצט הרוב געמאכט. אזוי איז אבער ניט דער פאל מיט דער טערקיי.

די טערקישע פיהרער ווייסען גוט, אז ווער עס זאל ניט זיעגען, וועלען זיי אלעס פערלירען. אין קאנסטאנטינאפאל ווייסט מען גאנץ גוט אז אין פאל דער דייטשער בונד וועט פערלירען די מלחמה וועט זי שליסען פריעדען אויף טערקיים רעכנונג, און די טערקיי וועט ווידער פערלירען עטליכע פון איהרע פראווינצען. אין פאל ווידער פון א זיעג מצד דייטשלאנד ווייסען זיי אויך, אז די טערקיי וועט ווערען אונטעריאכט פון דייטשלאנד, און וועט דיענען אלס א וואסאל־שטאאט פאר זיי.

מען הויבט דארטען אן קלעהרער צו ווערען אין דער לאגע, און דארום קען מען גאנץ גוט גלויבען אין די פערשיעדענע ידיעות וועגען די אינטריגען און אונצופריעדענהייט מכח דער מלחמה.

די טערקישע פיהרער, און מיט זיי דאס פאלק זעהען איין, אז וואס מעהר קרבנות זיי וועלען ברענגען אויף'ן מלחמה מזבח, ברענגען זיי עס ניט פאר זיך, נאר פאר זייער פארבינדעטע דייטשלאנד, און וואס לענגער זיי וועלען זיין אין קריעג, אלץ מעהר פערלירען זיי.

און דארום זיינען ניט די פריעדענס קלאנגען קיינע איבערטריבענע, פאר זיי איז עס בלויז א פראגע פון בעקומען וואס בעסערע קאנדיציעס, און דארום דאס דינגען זיך.

די בעגייסטערונג פון דער טערקישער ארמיי פאר דער מלחמה איז קיינמאהל ניט געוועזען קיין גלענצענדע, און ווי מענשען, וועלכע זיינען בעקאנט מיט דער לאגע אין טערקיי דערצעהלען, זיינען אלע מיליטערישע בעוועגונגען געמאכט געווארען אונטערן דרוק פון די דייטשע הויפט־קאמאנדירען, און אזעלכע אומשטענדען, מוזען פריהער אדער שפעטער ארויסרופען אונצופריעדענהייט. צו דעם זיינען נאך צוגעקומען די לעצטע פערלוסטען אין ארמעניען.

ווען די טעלעגראף דראטען ברענגען יעצט ווידער די ידיעות וועגען פריעדען, קען מען אזעלכעס גלויבען, און עס איז גאנץ מעגליך, אז די טערקיי זאל זיין די ערשטע, וועלכע וועט ווי נח ארויסלאזען די פריעדענס־טויב, צו מאכען א סוף צום מלחמה מבול.

די אידישע טאראנטא

מיר האבען ערהאלטען דעם פערטען יעהרליכען בעריכט פון דעם מאונט סיני סאניטאריום, א אידישער אנשטאלט אין סט. עגעטה, ארום מאנטרעאל.

דער רעפארט ציינט מיט קלאהרע ציפערען, וואס דער אנשטאלט האט אויפגעטהאן פאר די אידישע קראנקע, וועלכע זיינען בעשטראפט געווארען מיט דער ווייסער פלאג, און וועלכער האט אין'ם פערלויף פון דעם לעצטען יאהר געגעבען קוראציע צו הונדערט אידישע פאציענטען.

מיר האבען דורכגעבלעטערט די ציפערען, און מיר האבען געזעהען, אז די פיעלע צעהנדליגע טויזענדער דאלאר, וואס עס קאסט איינצוהאלטען אזא מעדיצינישען אנשטאלט, זיינען אלע בייגעשטייערט געווארען פון די מאנטרעאלער אידען.

לעזענדיג דיעזען רעפארט, פרעגט זיך, וואס איז מיט טאראנטא?

ווארום געפינען זיך אין וויניפעג, וועלכע ליעגט אין דער ווייטער וועסט, א רייהע אידישע אנשטאלטען, און אלע שטעהען פעסט, און זיינען גוט ארגאניזירט, און די וויניפעגער אידען קענען זיך אפילו פערגינען איינצוהאלטען צוויי בית יתומים'ס.

ווארום קען מאנטרעאל, חוץ א רייהע אנשטאלטען, אויסהאלטען אפילו אן אייגענעם סאנאטאריום, און טאראנטא, דער צווייטער גרעסטער אידישער ישוב אין קענעדע, איז פרעמד פון דעם אלעמען.

לעזענדיג דיעזען רעפארט, האבען מיר געפרעגט, ווארום בליהען אין אלע אנדערע שטעדט די אנשטאלטען, און טאראנטא, אויב עס איז שוין אפילו דא א קהל'שע געביידע, מוז זי אויך זיין אין שעריפס הענד.

ווארום בליהט איבעראל מיט אידישע אינסטיטוציעס, און ביי אונז אויב וועלכע עס איז עקזיסטירט שוין יא איז עס מעהר געמאטערט ווי געלעבט און אלע ליידען פון איין קראנקהייט — זיי זיינען בלוט־ארים.

וואס איז מיט דער אידישער טאראנטא. פרעגען מיר.

אפשר וועלען עס אונזערע לעזער קענען אויפקלעהרען.

ווען ענטשולדיגונגען זיינען איבעריג

דער פאל אין בערלין, אנטעריא, ווען א מחנה סאלדאטען זיינען שבתו בעפאלען א דייטשישען גלח אין הויז, און נאך איהם גוט צושלאגען, דערפאר וואס ער איז אזוי שנעל ניט אבגעפאהרען פון שטאדט, פעדריענט די אויפמערקזאמקייט פון אלע בירגער, וועלכע ווילען ניט אז קענעדע זאל בעהערשט ווערען פונ'ם "סאלדאטשינא" גייסט.

מעשה בערלין, איז בלויז איין רינג אין דער גאנצער קייט פון פאפיהונגען וועלכע ווילדעווען לעצטענס איבער גאנץ קענעדע, אין בריטיש קאלאמביא, אזוי גוט ווי אין אלבערטא, און אין אנטעריא, פונקט ווי אין אנדערע פלעצער.

די רעגיערונג מוז אויפגעפאדערט ווערען, דורכצופיהרען שטרענגע מיטלען, אז די סאלדאטען פון יעדער פלאץ, מעגען זיי זיין ווי פאטריאטיש, האבען זיי אבער קיין רעכט ניט, צו ווערען די פערטרעטער פון גערעכטיגקייט.

צו ענטשולדיגען זיך, נאכדעם ווי אזעלכע זאכען פאסירען איז קיין פערזיכערונג ניט, און עס איז איבעריג אויך.

אזעלכע זאכען, ווי די בערלין געשיכטע טארען ניט דערלאזען ווערען פון אנהויב אן, און וועט נור דער ווילען ביי דער רעגיערונג זיין, עס צו פערהיטען, וועט'ס אויך לייכט דורכגעפיהרט ווערען.

גרוסען פון אלטע היימען

אין "יעווריסקאיא ניעדיעליא" נומער איינס און צוויי דערצעהלט יעקב לעשעטשינסקי, וואס ער האט געזעהן און געהערט "אין דעם נייעם תחום", אין די שטעדט פון צענטראל־רוסלאנד, וואו די "געלאפענע" אידען זיינען איצט פערוואגעלט געווארען.

"פאראנען אין ט. א אידישער רעסטאראן־קלוב, וואס איינער פון די "געלאפענע" האט ניט לאנג געעפענט. דער דאזיגער רעסטאראן קלוב בעשטעהט אין גאנצען פון צוויי קליינע צימערען וואו מען דארף א לאמפ ביי טאג אזוי גוט, ווי ביי נאכט. אט אין דעם רעסטאראן קען מען שטענדיג טרעפען א גרופע געלאפענע, וועלכע שמועסען וועגען דעם, וואס זיי האבען איבערגעלעבט, וועגען די ליידען פון היינט, אבער מעהר פון אלץ בענקט מען דא, מען בענקט איינציגווייז און גרופענווייז, שווייגענדיג און רעדענדיג, ווי עס מאכט זיך. דא ווערען מענשען ניט מיעד צו רעדען שעה'ן גאנצע, און זיי רעדען מיט א בראך אין דער נשמה... נור מיט אמאל ווערט שטיל, ווי אין א קבר. דאס איז א שטילקייט, פון וועלכער עס הויבט אן שוידערען. ווי געדיכטע, שווארצע וואלקענס, לאזט זיך די שטילקייט אראפ אויף די וואס שמועסען און לאנגזאם בויגט זי זיי קאפ נידעריג, נידעריג, ביז דער ערד. אויסערליך פערגליווערט, אינערליך פון פייער פערצערט, שמאכטען זיי אזוי לאנג, לאנג, ביז א שטים פון א קינד צושטערט די שטילקייט און בעפרייט די אויסגעמאטערטע אין פיין און בענקשאפט געשמידטע נשמות. מיר איז איין מאל אויסגעקומען איבערצולעבען אזא שטילשווייגען אין דעם ארינגינגלען קלוב פון די אידישע געלאפענע. וואס פאר א יסורים! מיר האט זיך גערוכט, אז די ווענד פון צימער רוקען זיך צוזאמען, אז זיי ווילען מיך דערשטיקען אין זייערע שווערע ארעמס, און ווי צוגעשמידט צום שטוהל בין איך געזעסען אויף מיין ארט, ניט געוואגט צו שטערען די הייליגע שטילקייט...

ווערען מיר בעקאנט מיט'ן עולם, וואס פערברענגט דא די צייט.

אט זיצט ארום א טישעל ביים פענסטער א פאמיליע פון ווארשא; עסט מיטאג. קענטיג, מענשען פערמעגליכע — עלטערען מיט קינדער — צוויי יונגינקע מיידלאך און א אינגעל פון א יאהר 12 — אנגעטהאן גאנץ אנשטענדיג. אין ווארשא זענען אלע קינדער געגאנגען אין גימנאזיע. פון אנפאנג מלחמה אן לעבט די דאזיגע פאמיליע אויפ'ן אייגענעם חשבון, קומט ניט אן צו קיינעם. דער קריעג האט זיי געטראפען אויף א זומער־וואהנונג אין מאהילעווער גובערניע און מעהר האבען זיי זיך שוין אין ווארשא ניט אומגעקעהרט.

אלץ, וואס די מענשען רעדען, דרעהט זיך ארום ווארשא — מען חזר'ט איבער די נעמען פון ווארשעווער גאסען, מען דערמאנט די שעהנע גערטנער פון ווארשא, איהרע אלעען, שפאציר־פלעצער, איהר ריינקייט, איהרע בעקוועמליכקייטען. איגענטליך רעדען נור די מוטער מיט דער יונגווארג; דער פאטער, א יונגער אינטעליגענטער איד שווייגט מעהרער, שאקעלט מיט'ן קאפ. און אין זיין קאפ־שאקלען פיהלט זיך אז ער לאכט פון דער לייכטזיניגער ווייב און פון די ניט ערפאהרענע קינדער, וועלכע געדענקען די אויסערליכע מעלות פון ווארשא. איין מאל האט ער ניט אויסגעהאלטען און זיך אפגערופען צו מיר.

— "ווארשא איז דאך הייליגע ערד, אדמת קודש. בעסער עסען ברויט מיט זאלץ, פת במלח, אבי וואהנען אין א אידישער שטאדט!"

ער איז אויפגעשפרונגען אנגעהויבען שפרייזען איבער'ן צימער, און ווידער גערעדט:

"די פאליאקען זענען אנטיסעמיטען — נו, זאל זיין. ווארשא איז פון דעסטוועגען דאך א אידישע שטאדט! מען זאגט, א'ז דא ווארטען אויף אונז קורח'ס אוצרות. דאס איז דאך אבער ניט אמת! עטליכע צעהנדליג אידען זענען טאקי רייך געווארען פון הונדערטער טויזענדער רוסען, אבער צעהנדליגע טויזענדער אידען וועלען זיין אביונים און עס זענען נויטיג גרויסע כחות, עס איז נויטיג א גוואלדיגע ענערגיע פון עטליכע דורות צו בעשאפען די בעדינגונגען, אין וועלכע אידען וועלען קענען לעבען מאסענווייז און זיך שפייזען איינער פונ'ם אנדערען..."

ניט ווייט פון דעם טישעל זיצט אן איינזאמער יונגער הערר, וועלכער הויבט זעלטען ווען אויף די אויגען, א כמורער א בייזער; ער מאכט קיינמאל מיט קיינעם קיין רעד ניט. און ווען א נייער מענש אין רעסטאראן איז נייגעריג און פרעגט איהם עפעס, ענטפערט ער העכסט אומצופרידען, במעט אין כעס. מיר האט זיך איינגעגעבען צו דערגעהן. אז דאס איז א מעכאניקער פון ז. וועלכע איז איצט ביי די דייטשען אין די הענד. ער האט געעפענט אין ט. א שאפ. נור קיין אידישע ארבייטער נעהמט ער ניט צו. וואס איך בין צו איהם ניט צוגעשטאנען, האב איך נור איינמאל פון איהם געהערט אזא פראזע:

"וואלט איך בעסער פריהער די פיס צובראכען, איידער איך האב מיין שטאדט פערלאזען".

דעם ארט פון דיעזען גאסט פערנעהמט אן ארבייטער פון ווארשא; ער ארבייט אין א שניידער־שאפ ביי א גרויסען אידישען פאדריאדטשיק, וועלכער איז ניט לאנג אריבערגעפאהרען אהער פון מינסק. א בלייכע, אויסגעמאטערטע געזיכט וואס דערצעהלט פון לאנגע טעג האַרעוואניע, און אין דער אמת'ן, איז ער א צושניידער און ארבייט ניט וועניגער פון 15 שעה אין מעת לעת. ער פערדיענט גאנץ גוט — ביז 5 רובל א טאג. דערהערט, אז מען רעדט וועגען דעם לעבען אין ווארשא, האט ער אויפגעהערט עסען, צוגעשפרונגען צו אונז און אנגעהויבען גיך דערוויזען אז דא קומט אויס צו לעבען, ווי בהמות, ווייל א איד האט דא גאר גישט: ניט קיין אידישע צייטונגען, ניט קיין אידישע טעאטער, בכלל גאר ניט, קיין זאך ניט, וואס איז אידיש. ביים ווארט "גארנישט" האט ער געמאכט מיט די הענד א קרייז; ער האט א פנים געוואלט ווייזען דערמיט א בילד, אז עס פעהלט א אידישע אטמאספערע. ער האט אנגעהויבען ברייט דערצעהלען. ווי ער פערשטיקט די בענקשאפט מיט איבערשטונדען־ארבייט, ווייל די פרייע שטונדען פערשאפען איהם קיין שום פרייד ניט — ניטא וואו צו געהן, ניטא מיט וועמען צו רעדען, ניטא וואס צו לייענען, און אלץ ארום איז אזוי אונפערשטענדליך, אזוי משוגה, אזוי ניט עהנליך אויף א נארמאלען לעבען, אויף אלץ, מיט וואס א אידישער ארבייטער האט געלעבט אין ווארשא.

ביי א בעזונדערן טישעל מיטאג א גרופע יונגווארג — דריי יונגע גימנאזיסטען און צוויי מיידלאך, וועלכע גרייטען זיך צו פערשיעדענע עקזאמענס. די עלטערן פון אלע יונגע לייט זענען געבליבען שטעקען אין שטעדלאך פון גראדנער גובערניע, ניט בעוויזען אוועק פון דארטען איידער די דייטשען זיינען געקומען. וואס פאר א בענקעניש עס ליעגט ביי זיי אלעמען אויף די פנים'ער! וואס פאר אן אויסדרוק אין די אויגען! אין דער דאזיגער גרופע דעבאטירט מען א סך איבער ציוניזם, אידיש און העברעאיש און ד. גל. נאר זעהר אפט ווערט פלוצלונג שטיל און עס פיהלט זיך, אז די יונגע קעפ זיינען פערנומען גאר ניט מיט דעבאטען איבער'ן ציוניזם; עס פיהלט זיך, אז די יונגע נשמות זיינען דערדריקט, צובראכען, צושעדיגט; א'ז אט די קינדער לעבט זיך שווער אהן א סוף.

ניט ווייט פונ'ם רעסטאראנעלע האט איינער ג. פון ווילנע געעפענט א דרוקעריי. איך האב געטראפען מאן און ווייב. עס האט זיך לייכט פערבונדען א געשפרעך. פון מיינע עקאנאמישע פראגען איז מען באלד אריבער צו אויסגיסען דאס הארץ. מעהר ווי אלע האט גערעדט די ווייב, א טיפישע אידענע מיט זעהר אן אינטעליגענטען "רבנ'ישען" פנים און אויסדרוקספולע, שווארצע, קלוגע אויגען. די ווערטער האבען זיך ביי איהר געגאסען גיך, גלייך פון הארצען; און דאס וואס זי האט גערעדט, איז געווען איין דורכאויסיגער יאמער פון אן אויסגעפייניגטער נשמה, א פערצווייפעלטער וועהגעשריי פון א מיד הארץ אין צוואנגען געדריקט. שווער איבערצוגעבען דעם אינהאלט פון איהרע אויפגערעגטע, נערוועזע רייד. שווער איבערצוגעבען אפילו דעם זין פון איהרע ווערטער; זי האט גערעדט נאר וועגען איין זאך — וועגען איהר בענקשאפט נאך ווילנא, הגם זי האט דארטען קיינעם ניט איבערגעלאזען, ניט קיין קרוב, ניט קיין גואל, אבער דאס איז געווען א בענקשאפט וואס האט אויסגעפילט אלע ווינקעלאך פון איהר נשמה, און זי האט אלץ ניט אויפגעהערט איבערצוחזר'ן: "ווילנא איז דאך ארץ־ישראל!" און עטליכע שעה נאכאנאנד האט מיר פערפאלגט אט דער צובראכענער וועה־געשריי: "ווילנא איז דאך ארץ ישראל".

אווענד. איך בין אין א פריוט. א גאנצען טאג זיינען די מאנסביל פערנומען; זיי ארבייטען אדער זוכען ארבייט. די ווייבער ראמען אויף די צימערן. אין אווענד קומט מען זיך צונויף. דער פריוט ווערט א קלוב. מען הויבט אן שמועסען, ריכטיגער — זאגען קינות.

עס איז פרייטאג־צו־נאכט. אין פריוט איז ניטא קיין סמן פון שבת, אלץ איז וואכענדיג. אין די ווארשאווער פריוטען איז שבת געווען קענטיג אפילו אין דער צייט, ווען פון שטעדטלעך זיינען אנגעקומען צופוס צעהנדליגע טויזענדער געיאגטע און געטריבענע. און די וואכעדיגקייט, וועלכע הערשט אין פריוט אין ט. בעטאנט בעזונדער שארף די נפקא מינה צווישען א אידישע שטאדט און גים קיין אידישע. דאך, עפעס אזעלכעס האט זיך יא געביטען, וואס עס האט מיר גלייך דערמאהנט, אז היינטיגער אווענד איז ניט עהנליך אויף א דערוואכיגען אווענד: דער גאנצער פריוט — די מענשען, די ווענד, דער סופיט, די מעבעל — אלץ איז איצט געווען איינגעהילט אין אזא טרויער, אז מיר איז פינסטער געווארען אין די אויגען. ערשט מיט א טאג צוריק האב איך די זעלביגע מענשען געזעהען. איצט זיינען עס גאר אנדערע מענשען: די פנים'ער זיינען געווארען חשך, פערוועלקט; די זאכען שווארץ, די צימערן נאך ענגער, וועניגער ליכט, ווי אין א געוועהנליכען אווענד... אזוי קומט אן די בת מלכה שבת אין א אידישען פריוט אין ט...

מען רעדט וועגען "טהרה־ברעטער" — אזוי רופען די פערוואגלטע די נארעס אין פריוט — אהן היי־זעקלעך, אהן לייּלאכער. איך ווער בעקאנט מיט'ן עולם.

אט איז א שוסטער פון א יאהר 45 ער האט א ווייב מיט פיער קינדער. די עלטערע מיידעל איז 15 יאהר, דער איניגערער אינגעל פינף יאהר. זיי קומען פון קאוונע האבען זיך שוין געוואלגערט אין די וועלדער נעבען זשאסלע, אין סווירציאנער פריוטען. פערבראכט אין וועג ביי א חודש צייט. פון זשאסלע אין סווינציאן זיינען זיי געפאהרען מיט א צוג, ניט אין געדעקטע וואגאנעס נאר אויף אן אפענער פלאטפארם. געפאהרען עטליכע נעכט. די עלטערע מיידעלע האט אכטונג געגעבען אויף די קינדער, וועלכע האבען געשלאפען אויף די פעקלעך. א פערמאטערטע פון עטליכע נעכט אהן שלאף איז די מיידעלע אראפגעפאלען פון פלאטפארם אין עס איז שווער צו זאגען, ווי דאס האט געטראפען, זי איז ארונטערגעפאלען אונטערן צוג, אבער צווישען די שפאלטען — האט זי פערלארען צוויי פינגער פון דער לינקער האנד אין א מינוט 10 געלעגען אונטער'ן צוג. דערהערט איהרע פערצווייפעלטע קולות, איז דער פאטער אראבגעשפרונגען פון פלאטפארם — פון א צוג אין גאנג! האט ער זיך אונטערגעריסען און איז איצט ניט פעהיג צו ארבייט. איצטער איז די גאנצע פאמיליע — אויסגערעכנט די ווייב און די אינגערע קינדער — פיזיש רואינירט. שווער אויסצוהערען ביז'ן סוף די טראגעדיע פון לאנג נאך געווען געזונד און געארבייט, און איצט איז זי פער משפט לאנגזאם אויסצוגעהן. דער פאטער איז בלייך און שווייגענדיג, די מוטער קען אהן טרערען ניט אנהויבען צו דערצעהלען וועגען איהרע צרות — און די טרערען איהרע זיינען אזעלכע פייניליכע, אזעלכע שווערע אז איהרע שכנים אין פריוט בעטען זיך ביי איהר זי זאל אויפהערען, ניט פער'סמ'ען זיי דעם לעבען.

אט איז א קצב פון מיטאווע. אלט איז ער א יאהר 55. אין דערהיים האט ער געלעבט גוט, ברייט. ענטלאפען, האט ער אויך פערכאפט מיט זיך א ביסעל מזומן. זעהט אויס ווי א געזונדער מענש, ליגט גאנצענע טעג אויף דער נארע, ליגט אונבעוועגליך. פערזונקען אין זיינע געדאנקען, צו וועלכע ער וויל קיינעם נאהענט ניט צולאזען. מען רעדט איהם איין, אז אין מ. פערדינען קצבים ניט וועניגער, ווי אין מיטאווע, ענטפערט ער פעסט, ענטשלאסען: "איך וויל דא גאר נישט ניט טהאן. ענדיגט זיך די מלחמה פאהר איך צוריק אין מיטאווע אדער אין אמעריקא".

אט איז א איד פון קאליש. זעהט אויס א יאהר 40. האט זיך געוואלגערט אין ווארשעווער פריוטען. פון דארטען האט ער זיך דערשלאגען אין ווילנא, מיט דער פאמיליע: א ווייב צוויי דערוואקסענע טעכטער און א אינגעלע פון א יאהר 6. אין ווילנא האט ער זיך ניט שלעכט איינגעארדענט, געעפענט א זאקען־פאבריקעל אויף 10 מאשינען. די פאמיליע האט נאך קיין צייט ניט געהאט פיזיש אויסצורוהען, איז אויסגעקומען צו ענטליפען פון ווילנא. און דא הויבען זיך ערשט אן די אמת'ע וואגלענישען. פון וועלכע די בלוט ווערט פערקיהלט אין די אדערען. אויפ'ן וועג פון ווילנא, אויף עפעס א סטאנציע, האט מען די פאמיליע צוטיילט, דעם פאטער, די מוטער און דעם אינגעל האט מען אוועקגעשיקט אין טווער און די מיידלאך אין טולע. די מוטער איז פון צער קראנק געווארען. מען האט אנגעהויבען זוכען. צוויי חדשים האבען די טעכטער ניט געוואוסט, וואו די עלטערן זיינען. די עלטערן זיינען שיר פון זינען ניט אראפ, אזוי אומרוהיג זיינען זיי געווען פאר די טעכטער. דער פאטער פליהט אין טולע: ער מוז אבער מיט זיך נעהמען דעם אינגעל, ווייל ער האט איהם ניט ביי וועמען איבערצולאזען — די מוטער געהט פון בעט ניט אראב. אויפ'ן וועג, ווערט דער אינגעל קראנק, מאזלען. געקומען אין טולע, לויפט דער פאטער אום, ווי א משוגענער איבער אלע שפיטאלען, פריוטען, האטעלען און פריוואטע וואהנונגען, אין ערגעץ לאזט מען דעם קראנקען אינגעל ניט ארײן. צוויי מעת לעת איז דער אינגעל אפגעלעגען אויפן וואקזאל און ערשט אויפ'ן דריטען מעת־לעת, א דאנק דער פראטעקציע פון די שוועסטער, אינטעליגענטע מיידלאך, וועלכע האבען דערווײלע געקראגען ארבייט ביי א גרויסען אידישען גביר אין א מאגאזין, האט זיך איינגעגעבען צו געפאנגען פאר'ן אינגעל אן ארט אין א פריוט.

איך האב געזעהן דעם אינגעלע שוין נאכדעם, ווי ער איז געזונד געווארען. א וואונדער־שעהן אינגעל מיט זעלטען־גרויסע אויסדרוקספולע אויגען, מיט לאנגע שווארצע לאקען. ער האט זיך געוואלגערט אויף די בעריהמטע "טהרה־ברעטער" און אין זיין גאנצער קליינער אויסגעדארטער פיגור איז געווען אזוי פיעל דערשלאגענהייט פון א זקן, אויף זיין געלען פנים איז געלעגען אזא קרענקליכער אומעט, אין די אויגען אזא בעהאלטענער אבער בעוואוסטזיניגער טרויער אז עס איז געווען שווער איינצוהאלטען זיך פון טרערען, זעהענדיג אט דעם קליינעם פערמאטערטען פארשטעהער פונ'ם צוקינפטיגען אידענטום.. דער פאטער זעהט צו 38 יאהר אויס ווי אן אינוואליד א חורבה, א פערלארענער מענש. ער האט אין ט. 10 זאקען־מאשינען און דאס איז איצטער א זיכערער קוואל פון פרנסה, ווייל איצט איז כמעט אונמעגליך צו קריגען אזעלכע מאשינען און אויף זאקען איז א גרויסע נאכפראגע. און דאך... אין א געוועהנליכער צייט איז אט דער יונגער איד פעהיג בערג איבערצוקעהרען, אויב דאס איז נאר נויטיג פאר דעם עקאנאמישען ציעל, וועלכען ער האט זיך געשטעלט; און איצט זוכט ער וועמען צו פערקויפען די מאשינען פאר די געלד, וואס זיי קאסטען איהם אליין. אזא אפאטיע איז אויף איהם אנגעפאלען."

לעשעטשינסקי ברענגט נאך פאקטען, וועלכע בעווייזען, ווי צוליעב די צרות זיינען געזונדע, לעבענספעהיגע מענשען אריינגעפאלען אין אן אפאטיע און זוכען גארנישט צו טהאן, נוצען ניט אויס דעם מאמענט, ווען מען קען פערדינען, מאכען א לעבען.

"געהענדיג אמאל איבער די גאסען פון ט. האב איך דערזעהען פון ווייטען א בלינדען אלטען אידען, וועלכער טאפט מיט א שטעקען דעם וועג איבער'ן גאס מיט א שטעקען דעם וועג איבערן גאס אריבער. איך בין צוגעגאנגען, געהאלפען איהם אריבערגעהן. דערהערט מיך רעדען אידיש, איז ער א פערציטערטער געווארען פון אויפרעגונג און אנגעהויבען אויסדערצעהלען זיינע צרות. ער געהט דאס איצטער אין קאזיאנע אופראווע — זין זוהן דיענט אין דער ארמע, האט ער, דער פאטער, רעכט אויף א "קאזיאנעם פאיאק". רעכט האט ער טאקי. מען דארף זיך אבער צונויפרעדען דארטען אין אופראווע אויף רוסיש און געבען זיי צו פערשטעהן, אז א בלינדער אלטער מאן קאן ניט געהן אלע טאג אין אופראווע, אז אין פריוט איז שרעקליך שווער צו לעבען און דעריבער האט מען געדארפט גיכער צופרידענשטעלען זיין בקשה. קאן ער אבער זיך ניט אויסטענה'ן מיט זיי אזוי פיעל אויף רוסיש. ער איז אן ארימער, א בלינדער, א קראנקער, א זקן. און דער קאמיטעט קומט איהם ניט צו הילף, איך בין זיך מודה, איך האב ניט אויפמערקזאם אויסגעהערט זיינע טענות צום קאמיטעט — איך בין געווען פערנומען מיט דער דאזיגער סימבאלישער פיגור פון דעם בלינדען אלטען אידען וועלכער בלאנדזשעט איבער פרעמדע גאסען אין א שטאדט פון צענטראל רוסלאנד און קאן זיך ניט צוזאמענרעדען מיט די מענשען, וואס ארום איהם. און געענדיגט האט ער זיינע טענות מיט די ווערטער. "ביי מיר אין שטעדטעל בין איך אויך, געווען א מענש" און ניט ווילענדיג האט זיך מיר פארגעשטעלט די בלינדע, שטומע הונדערט־טויזענד־קעפיגע אידישע מאסע, וועלכע וואגעלט זיך איצטער איבער די ווילד־פרעמדע שטעדט פון צענטראל־רוסלאנד און זוכט איהר רעכט, דאס רעכט אויף פיזישע עקזיסטענץ".

(נ. ז.)

די בעוואוסטע

האמבורג

קאנסערוואטארי אף מיוזיק

— לערנט —

פיאנא, וויאלין, סעללא או זינגען

די לעססאנס ווערען געגעבען ביי די בעסטע לעהרערס וועלכע פערזיכערען גוטע רעזולטאטען.

טוירמס פאסענד פאר יעדען:

פון $5 ביז $30 פאר 10 וואכען.

די קאנסערוואטארי איז אונטער די פערזענליכער אויפזיכט פון פראפעסאר האמבורג.

194 וואולסלי סטריט

טעלעפאן נארטה 2341

אינטערעסאנטע קליינינקייטען

ווי גרויס מענשען פערברייגגען זייער צייט

די גרעסטע מענער פון דער וועלט זיינען זעהר מדקדק אין דער אויסערוועהלונג פון פערוויילונגען: מ. וואניזעלאס דער געוועזענער גריכישער פרעמיער, צ. ב. ש. ליעבט צו פערברייגגען אין שפיעלען מיט קליינע קינדערלאך. דער מאנטאנעגרישער פרינץ פערברייגגט זיין פרייע צייט אין לעזען ענגלישע זשורנאלען. גלאדסטאון, איינער פון די גרעסטע ענגלישע שטאאטסמענער, פלעגט פערברענגען די פרייע שטונדען אין אויסהאקען בוימער. אין צייט פון האקען, פלעגט ער זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט צוהערען צום פאל פון יעדען זארט בוים בעזונדערער ער פלעגט אויך צוהערען די שטארקייט פון יעדען בוים. האקענדיג בוימער, איז דער גרויסער ענגלישער שטאאטסמאן געקומען צו דער איבערצייגונג, אז א דעמבענע בוים פאלט זעהר לייכט און אז די לייכטעסטע בוים צום פאלען איז די שפאנישע קאשטאן - בוים.

יוליוס צעזאר פלעגט פערשווענדען זיין פרייע צייט אויף ארומגעהן ארום ביהנען. ער האט געהאט זעהר פיעל ביהנשטאקען.

הערבסט־צייט פלעגט צעזאר פערברענגען שטונדענלאנג אין קאכען סיראפ און קארמענען דערמיט די ביהנען.

קאלווין, דער גרינדער פון דער בעריהמטער רעליגיעזער סעקטע, האט זיין פרייע צייט געווידמעט פאר דעם ווירפעל־שפיעל (א מין שפיעל אין ביינדלאך.)

לוטהער איז געווען א ליידענשאפטליכער קעגעל שפיעלער (דאס איז א מין שפיעל אין פלעקלעך). ווען ער פלעגט מיט איין קלאפ איבערקעהרען אלע פלעקלעך, — האט זיין בעגייסטערונג אריבער געשטיגען אלע גרעניצען.

דער בעריהמטער שריפטשטעלער באפפאן פלעגט זיינע פרייע שטונדען פערברייגגען אין אפ'לי'עווען פון זיין בארבער. ער פלעגט זיך אריינכאפען אין בארבער שאפ און פלעגט דארטען "קעהרען וועלטען". ער האט דערפון געהאט א ווילדע הנאה.

סאקראטעס האט אויך ליעבגעהאט צו פערברענגען שטונדען־לאנג אין געזעלשאפט פון קליינע קינדערלאך. געוועהנטליך האט איהם געצויגען צו פערשטאנדיגע און שעהנע קינדערלאך.

וואלטער סקאט איז געווען פונקט דער היפוך פון גלאדסטאונען: ער האט בעזעסען א גוואלדיגע ליידענשאפט צו פלאנצען בוימער. ער פלעגט די גאנצע לידיגע צייט פערברענגען אין פלאנצען, פלאנצען און פלאנצען. זיין גוט איז געווען ארומגעפלאנצט מיט פערשיעדענע ארטען בוימער, צווישען די רייהען בוימער פלעגט ער איינארדנען סטעזשקעס. ער האט זיך מיט "זיינע" בוימער געצאצקעט ווי מיט דימענטען און בריליאנטען, להבדיל.....

מאנישעוויטץ'ס

די ריינסטע

געשמאקסטע

כשר'ע

מצות

אין דער וועלט

די געשיכטע פון קענעדער רייכטהום

פון ג. מייערס

אידיש פון א. ריינוויין

געשיקט האט מען ניט אלע מיידלאך, נאר די בעפעה־לען האבען געלויטעט, אז די מיידלאך וואס ווערען געשיקט נאך קענעדע, ''זאלען זיין שטארקע און געזונטע, און צוגע־פאסט אין יעדען אופן''.

דיעזע פעראָרדנונג איז ארויסגעגעבען געווארען ווייל מען האט זיך בעקלאגט, אז אין יאהר 1669 האט מען געשיקט קיין קענעדע מיידלאך, וואס מען האט זיי ארויסגענומען פון די שפּיטאלען, און ווען זיי זענען אנגעקומען אין לאנד, האט מען אויסגעפונען, אז זיי זיינען צו שוואך צו בעשעפטיגען זיך מיט פארמעריי. געמאכט געווארען איז דיעזע קלאגע צום ערץ־בישאף פון רוען, און מען האט איהם צו דערזעלבער צייט אויך געבעטען, אז ער זאל בעאיינפלוסען זיינע גלחים, אז די לעצטע זאלען זעהן אין זייערע געמיינדעס צו ווירקען, אז מען זאל אריבערשיקען קיין קענעדע א זעכציג דארפס־מיידלאך.

חוץ די מיידלאך, האט מען אויך געשיקט געלערנטע אר־בייטער ווי סטאליארעס, שיפ־בויער, פארמער, שוסטער, אייזען־ארבייטער, און ארבייטער פון פיעלע אנדערע פאכען.

ניט לייכט אבער, איז אנגעקומען צו בעוועגען די אר־בייטער, אז זיי זאלען פערלאזען פראנקרייך, און פאהרען קיין קענעדע, ווייל די פרייזען פון אלע לעבענס־מיטעל און פּראָדוק־טען זענען געוועזען זעהר הויכע. מען האט דארום געמוזט פערזיכערען די ארבייטער, אז מען וועט זיי צאהלען העכערע געהאלט, און מען וועט זיי אויך געבען די פּריווילעגיע אהיים־צוקעהרען זיך, אויב זיי וועלען ניט וועלען בלייבען אין קענעדע. ערשט דאן, ווען דיעזע בעדינגונגען, זענען אינ'ם יאהר 1687 בעוויליגט געווארען, איז געלונגען צו בעוועגען די ארבייטער, אז זיי זאלען פאהרען, און אזוי האט זיך ענדליך אין קענעדע צוזאמען מיט'ן אינדיאנער — אדער נעגער שקלאף, אויך גע־בילדעט א קלאס פון ווייסע ארבייטער.

זייער לאגע איז אבער ניט געוועזען, וואס מקנא צו זיין, ווייל די ארבייטער, פונקט אזוי גוט ווי די בויערען, האבען זיך געפונען אונטער דער הערשאפט, פון דער קירכע, פעאדאלען, און די סוחרים און אלע דריי האבען אונברחמנות'דיג געצויגען פון זיי שטייערען: די קירכע — די מעשרות און אנדערע שטייע־רען; די הענדלער, סיי פון קענעדע אדער אויסלאנד — מיט זייערע הויט־שינדערישע פרייזען, פאר ווערטהלאזע וואארע; און די לאנד־אייגענטהימער, די פעאדאלען — מיט זייערע פיעלפאכע פעאדאלע שטייערען און קנעכטשאפט.

די לאנד־אייגענטהימער זוכען אדעל־טיטולען.

האבענדיג בעקומען גרויסע שטרעקעס לאנד, האבען די נייע לאנד־אייגענטהימער און פריצים אויך געזוכט איינ־צוקויפען זיך אינ'ם אדעל, און האבען בעגעהרט נאך טיטולען. זייער פערלאנג איז געוועזען צו ווערען מיטגליעדער פון דער דאמאלס — עקזיסטירענדער אריסטאקראטיע, מיט אלע איהרע רעכטע און טראדיציעס, וועלכע האבען עקזיסטירט אונ־טער דער אלטער פעאדאלער ארדנונג.

איינינע ווי טאלאן און אנדערע, האבען בעקומען דעם טיטול פון גראף אדער באראן, די גרעסטע צאהל אבער פון די טיטול־זוכער, זיינען געבליבען ענטוישט, און ווען זיי האבען אלעס פערלאנגט ביים קעניג טיטולען, האט מען זיי אין יאהר 1686 געלאזט וויסען, אז ''קענעדע האט שוין זא ווי זא צופיעל טיטולירטע, און דארום קען מען ניט מאכען קיינע נייע''. א יאהר שפּעטער, איז ערקלעהרט געווארען, ווארום מען ענטזאגט עס, מיט פאלגענדע קעניגליכער שריפט.

''די ארימקייט פון געוויסע אדעל־פאמיליען אין קע־נעדע, איז טהיילווייז א רעזולטאט, ווייל זיי ווילען לעבען ווי מענשען פון הויכע ראנג, און ניט ארבייטען, און דארום דארף מען זיין צוריקגעהאלטען מיט בעשענקען טיטולען די קענעדער איינוואוינער.

מען דארף ניט דענקען, אז דאס צוריקהאלטען פון פאר מעהרען די טיטולירטע, האט עס געהאט א שיכות מיט דעמאק־ראטישע אידעען. די איינציגע אורזאכע איז געוועזען, ווייל לויט דער דאמאלסדיגער בעפעלקערונג פון קענעדע, האט מען ניט געקענט דערפאדערען צו בעשאפען א צו גרויסען קלאס פון אדעליגע פוילענצער. פון דעמאקראטיע איז אבער געוועזען דאמאלס גאנץ ווייט, און די קענעדער בעפעלקערונג איז געזעצ־ליך איינגעטהיילט געוועזען אין פיער קלאסען. דעם ערשטען פלאץ האבען פערנומען די גייסטליכע, דעם צווייטען — דער אדעל, דאן די ריכטער, און צולעצט דער פּראסטער עולם.

די לאנד — אייגענטהימער, אבוואהל זיי האבען אויך געהאט אויסשליסליכע רעכט איבער'ן האנדעל מיט די אינדיא־נער, ווי אויך איבער יאגד און פישעריי, האבען זיך דאך ניט אלע בענוצט מיט דעם, און מאנכע האבען אויף האנדעל געקוקט ווי אריסטאקראטיש אונווירדיג.

חוץ אין האנדעל אבער, האט ער זיך בענוצט מיט זיינע רעכטע אין פּולען. זיי האבען געברויכט דאס רעכט פון דער העכערער ריכטערליכער מאכט, און האבען געקענט האנדלען מיט אלע קרימינעלע פאלען, אריינרעכענענדיג אויך די פערברעכענס, פאר וועלכע עס קומט טויט־שטראף, און אנדערע קערפּערליכע שטראף נור אזעלכע פערברעכענס, ווי פערראטה, מאכען פאלשע־געלד און ענגליכעס פערברעכענס, וועלכע זענען בעטראכט געווארען אלס געציעלט געגען קעניג אדער זיין אייגענטהום. זענען ניט ארונטער אונטער דער אריסדיקציע פון די לאנד־אייגענטהימער.

אין ציווילע משפטים אבער האט ער געהאט דאס פולע רעכט צו בעשטראפען מיט געלד אדער געפענגניש, צו צופסק'־ נען ניט ארונטער אונטער דער יוריסדיקציע פון די לאנד־

(פארזעצונג זונטאג.)

„קינסטלער“ (סוזשעט ענטנומען)

פון א. ד. גלושאקאוו

פערזאנען:
היצמאן: (לירישער פּאעט)
אייזמאן: (פאלקס־דיכטער)
שניצער: (סקיצען־שרייבער)
פוזיק: (דראמאטורגאון ראמא־ניסט)
קאפּקאפּ: (פעליעטאניסט)
סוויסטאק: (קריטיקער און רעצענזענט)
א קעלנער:

(אין א קאפע ביי א טישעל זיצען: — היצמאן, אייזמאן, שניצער, און פוזיק, יעדער זיצט אין א בעזונדערער פערטראכטער פּאזע... עס דויערט א לאנגע פויזע)

היצמאן. (גענעצט) — אויף מיין עהרען ווארט, עס ווילט זיך מיר שלאפען...

אייזמאן: — אין דער געזעלשאפט פון ליטעראטען קען מען זיכער איינשלאפען... יעדער פאר זיך איז א קליין וועלטעלע מיט גרויסע אינטערעסען; און אלע צוזאמען קענען מיר ניט געפינען איין זאך וואס זאל אונז פעראייניגען....

פוזיק: — אט רוף איך ארײן דעם קעלנער, פיליכט וועט ער מאכען ''שטימונג''... כא כא כא!

שניצער: — שאט, שאט, אט נעהט אהער דער ''בעוואוסטער'' און ''בעריהמטער'' פעליעטאניסט — קאפּקאפּ!...

קאפּקאפּ: (קומט ארײן מיט א פּעקעל צייטונגען אין האנד בעגריסט זיך מיט יעדען. זיי מאכען איהם פלאץ צו זעצענזיך)

היצמאן: — קאלענע, קאפּקאפּ, וואס הערט זיך נייעס?

קאפּקאפּ: — נייעס? ''נייעס'' איז שוין געשטארבען... (שמייכעלט)

פוזיק: — נאדיר אזוי מין באמבארדיר... נייעס, איז גאר געשטארבען...

שניצער: — וואס איז דא ניט צו פערשטעהן? וואס מעהר די מלחמה הרגעט אויס, — אלץ מעהר ''נייעס'' האט ער...

אייז מאן: — דא פאסט טאקע שלום עליכם'ס: ''גוטמארגען'גנעל''... רעטיך טראג איך''... מען פרעגט, וואס הערט זיך נייעס? ענטפערט ער — געשטארבען...

קאפּקאפּ: (ווארפט אויף אלעמען אן אונצופריעדענעם בליק, רוקט זיך שטיל ארויס אהן א ''אדיע'')

פוזיק: — וואס זאגט איהר צו דעם ראזיגען קאלאמוריסט?...

היצמאן. — דאס איז א מענש מיט אויסגעדראשענע חכמות...

אייז מאן: — נאך מיין מיינונג, פערמאגט ער ניט א פיצעל טאלאנט...

שניצער: — נאר ביי אונז קען אזא שמירער פארנעהמען א פלאץ אין דער ליטעראטור...

פוזיק: — (ווארפענדיג א בליק צום פענסטער) באלד ווערט אונזער שטימונג, פרעהליך, אינטערעסאנט, און באלעהרענד!.. הערר סוויסטאק, דער קריטיקער און רעצענזען שרייבער, נעהט אהער אין קאפע...

סוויסטאק: (קומט ארײן, א קליין ביכעל האלט אין האנד, אין די קעשענעס שטעקען צייטונגען, בעגריסט זיך מיט יעדען און זעצט זיך אויף קאפּקאפּ'ס פלאץ)

פוזיק: — הערר, סוויסטאק, איך האב געלעזען אייערע צ'רעצענזיעס, איבער די נייע פיעסען... גוט!.. (דריקט זיין האנד) אויסגעצייכענט! טאלאנט פיל!...

היצמאן: — איהר האט אין אייער רעצענזיע, וועגען דער פיעסע ''מענשליכע בלוט''. א קיצעל געטהאן די פּראמאדאנע א קניפּ געטהאן אין בעקעל די סוברעטין.. איים נעפּאטשט דעם סטאר, און מיט א שייט האלץ געגעבען דעם פּראפעסאר אי דער קאפ... (אלע לאכען)

סוויסטאק: — איך בין נישט גלייך צו אנדערע קריטיקער... איך ווער נישט בעאיינפלוסט פון א פריינד־שטימע, און וועל נישט בעזיעגט ווערען פון א מענער דשעדרס האוואנע... די הייליגקייט, די אויפריכטיגקייט פון א קריטיקער, שטעהט ביי מיר זעהער הויך!...

שניצער: — הערר, סוויסטאק, איהר זייט נישט קיין מיידעל, און איך בין, גאט זיין דאנק, ניט קיין בחור, אלזא, מיין קאמפלימענט וועט זיין ריינעהערציג! ווען די אידישע ליטעראטור, פערמאגט נאך באטש א האלבען טוץ אזוינע קריטיקער ווי איהר, — האלט דאן זיין אין אונזער ליטעראטור דער אמת'ר, אמת'ר אללרייט!...

סוויסטאק: — איך האב נארוואס דורכגעלעזען, בענראפס, לעצטע ערצעהלונג, איך בין זיכער אז ער איז שוין אוים געשריבען... נישט קיין אינהאלט, נישט קיין פארם... און דער סטיל?... מ'נאל!..

היצנאן: — איך האב דאס לאנג געוואוסט... ס'איז פון די ''אויפגעבלאזענע טאלאנטען''... אם'ענדע מוז זיך עס ארוים געווזען...

סוויסטאק: — ס'איז א סברא אז אפילו זיין בעסטע ערצעהלונג ''די אויפריכטיגע נשמה'', האט ער ערגעץ צוגעלקח'ענט... כע כע כע...

שניצער: — ס'איז גלויבען...

אייז מאן: — ביי וועמען?

סוויסטאק. — איך קאן אייך אויף ריכטיג ניט זאגען... דאכטזיך ביי א דייטשען שרייבער עפּעס... (שטעלט זיך) וועלל, קאלעגען, אדיע! איך מוז נאך היינט זיין אין 2 טהעאטערס... (אב)

אייזמאן: — וואס זאגט איהר אויף זיין ''טיפקייט'' אין דער ליטעראטור... כא־כא־כא!..

פוזיק: — יא, יא, ביי אונז קען מען לייכט ווערען א ''ר טיקער... איהר זאלט מיר ענטשולדיגען ער קען נאר אז פּאטשקען א גאנצע ''דרשה'' אין א צייטונג, רעדט ער שוין מיט גאוה איבער אלע קינסטלער... א קריטיקער!... א מוסר־זאגער!..

שניצער: — סוויסטאק, איז אויך א קריטיקער!... כא כא כא, ווי לאנג האט ער געטראגען פּיפּערס...

פוזיק: — (פלוצים) אה, ווא! כ'האב מיר פארגעסען, אז כ'האב א וויכטיגע זאך איך מוז געהן. גוד ביי! (אב)

שניצער: — איהר ווייסט פארוואס איז, פוזיק, אין כעס אויף סוויסטאק'ן דעם קריטיקער?

היצמאן: אייזאמאן: — פאר וואס?

שניצער: — ווייל סוויסטאק האט געשריבען אז זיין דראמע טויג ניט.

היצמאן: — נאדיר א דראמאטורג! פוזיק, איז א דראמאטורג!... כ'לעבען, עס ווילט זיך נישט לאכען... אום צו זיין א דראמאטורג, מוז מען זיין אליין קלוג... מאכען דעם ''צווייטען'' קלוג... כדי דער ''דריטער'' זאל זעהען און הערען אז ס'איז קלוג... פוזיק, האט פאר מיר פאר געלעזען איין אקט פון זיין נייער דראמא ''הימעלישע און ערדישע געהיימניסען''.. בין איך שיעור געפאלען חלשות... אזוי גודיעט עס...

שניצער: — ווי דער קינסטלער אזו זיין קונסט... מען זאגט, אז זיין ווייב שפּיעלט מיט איהם אפ אלע טאג נייע דראמעס, טראגעדיעס, קאמעדיעס... (אלע לאכען געשמאק) איהר זיצט נאך דא? איך געה שוין. גוד ביי, קאלעגען! (ביידע ענטפערען איהם, ''גודביי'' שניצער, אב)

אייזמאן: — הערר שניצער איז א גאנץ וואוילער יונג, נאר קיין טאלאנט האט ער נעבאך ניט...

היצמאן: — וואס? טאלאנט? ווי קומט עס צונ'איהם?...

אייזמאן: — און קריכט נאך אין דער ליטעראטור...

היצמאן. — א סיילסמאן, וואלט ער זיין א נישקשה'דיגער...

אייזמאן: — האט ער אבער א פארשלעפּטע קרענק — צו שרייבען סקיצען... (פויזע)

היצמאן: — וואס הערט זיך מיט אייך, איהר שרייבט עפּעס?

אייז מאן: — און איהר שרייבט?

היצמאן: — זייט נישט פון מעעדלע־מוכרספרים'ס־אידען, — ענטפערען אויף א פראגע, א... פראגע.

אייזמאן: — איך ארבייט יעצט איבער א גרויסע מלחמה־פּאעמא...

היצמאן: — און איך האלט יעצט אין שרייבען א גאנצע סעריע לירישע־לידער אונטער איין קעפּעל...

אייזמאן: — א סעריע לידער אונטער איין קעפּעל... וואונדערליך... ווי וועט עס הייסען?

היצמאן: — ''גאטס קללה און דעם טייפעלס ברכה''...

אייזמאן: — (איבעררראשט שפּרינגט אויף) וואס רעדט איהר? דאס איז דאך מיין נאמען פון דער פּאעמא...

הערט די ערשטע פערזען... (נעהמט ארויס א געשריבען פּאפּיר, לעזט.)

— ''דעם טייפעלס ברכה און גאטס קללה.

''גאט זיי מבטל דיין שרעקליכע קללה, — —

''דער וועלט שיק א פריעדליכען טאלק...

''דעם טייפעל נענוג שוין צו האבען די ברכה — —

''פיעל מענשליכע בוט... זיעגרייכען ערפאלג...

היצמאן: (וועלכער האט די גאנצע צייט געקרימט מיט דער נאז... שלאגט איהם איבער) און איך בעהאנדעל די ''טהעמא'' אין מיינע לידער גאראנדערש.... איך וויל ארויסברייננען דורך לירישע טענער די ''קללה פון גאט'' — וואס מיר מענשען זענען אימער פארשטעלט איינער צום צווייטען... אונזערע האנדלונגען זענען מיט פינטעלעך און דרעהרעלעך... מיט העקעלאך און אינטע פיסלאך.. איך וויל אונטערשטריכען אין מיינע פערזען דעם ''טייפעלס ברכה'' — מענשען רייסען זיך די קעפּ איינער פון דעם צווייטען... פלינקער, בלוטדורשטיגע ווי חיות... (ער רעדט מיט היץ) ער קלעהרען מלחמות, מעהרען קרבנות... צו וואס?... אט אין דעם באשטעהט דעם טייפעלס ברכה!... נעהמט צום ביישפּיעל, די געטליכע נאטור, — גראזען, בלומען, בוימער, שטערען, א. ז. וו. זיי שטערען נישט איינס דאס אנדערע צו עקזיסטירען זיי זענען נישט מקנא איינס דעם אנדערע, די הויך, שעהנקייט, ליכטיגקייט, גוטען ריח, א. ז. וו. אבער מיר מענשען?... אה, מענשען. (שרייט) אה. מענשען. מענשען,

אייזמאן: — (מאכט א מיטליד־מינע. שלאגט איהם איבער) גענוג אייך, הערר היצמאן, אייך קאסט עס געזונד, ווען איהר רעדט וועגען דער ניט סאלידאריטעט פון מענשען... וועגען די ניט מיט פיהלענדקייט און אכזריות'קייט פון ברידער צו ברידער... גענוג אייך... (שטעלט זיך, פאר זיך) איי איז דאס א נודניק, מען קען חלשון הערענדיג איהם... פלוידערזאך.. (צו איהם) קומט, הערר, היצמאן, מיר וועלען געהן צוזאמען.

היצמאן: — איך דארף דא ווארטען פאר א מאן. (קוקט אויף א טאשענזייגעריל)

אייז מאן: — אדיע, הערר היצמאן! (אב)

היצמאן. — צום ווידערזעהען! (ווי אייזמאן, פערמאכט די טהיר, שיסטער אוים מיט א געלעכטער) כאכאכאכ! ער שרייבט א פּאעמא!.. דער פּראזען־מאכער... אנ'אמת'ר פּאעט, דארף פיהלען דעם פאלקס וועהטאג, דעם פאלקס ליידען און פריידען... מען דארף ארום נעהמען וועלטען מיט איין ליעד... אנ'אמת'ער פּאעט, דארף זיך אויפהויבען העכער פון דער זינדיגער ערד מיט איהרע טאג־טעגליכע נארישע פראגען... אהין צו די וואלקענדלאך. ווערען איינגעהילט אינ'ם הימלישען נעבעל... דארטען... נאר אהין דארף זיך די ערהאבענע שטרעבונג פון אנ'אמת'ן פּאעט!... נישט אזוי ווי אייזמאן, דער ,,פּאעמא־שרייבער''! כא כא... (נעהמט ארויס א ניטיז־ביכעל שרייבט) גוטע געדאנקען... א טהעמא...

קעלנער: (קומט ארײן בלייבט שטעהן נעבען טהיר) מר. היצמאן, א מאן פרעגט אויף אייך. (אב)

היצמאן: אללרייט! (שיעל אב)

פארהאנג.

באלטימאר מד.

מענער שניידער פון טאראנטא, נוצט אויס די געלעגענהייט יעצט, בלויז פאר היינטיגען מאנאט אפּפערען מיר צו לעהרענען דעזייגינג פאר א ספּעציעלער קלייגער פרייז, נאך אזא גוטע געלעגענהייט וועט איהר ניט האבען נאך אמאהל. פּראָפּי־טירט דעריבער פון דיעזען מאהל. קומט גלייך און פאנגט זיך אן צו לעהרנען דעם גוט בעצאהלטען טרייד, דעזיינינג, שניידען, בעגראדען, און סקעטשען אין מענער, ליידיס און קינדער קליידער.

פּאלשטענדיגע צופריעדענהייט גאראנטירט אדער דאס געלד צוריק געקעהרט. אויף העלפען מיר צו בעקומען פּלעצער אלס דעזיינערס פאר'ן קומענדען ספּרינג סיזאן.

אמעריקאן דיזיינינג סקוהל

247 מ.אקאל סטריט

מתקבלת החתימה לשנת 1916 על העתון העברי השבועי

התורן

''התורן'' יתחיל להופיע בני יארק מיום 3 לחודש מארץ 1916 בתבנית עתון שבועי גדול בן עשרים עמוד בהשתתפות טובי הסופרים העברים באמריקה ובאירופה

המוצאים לאור: חברת ''תורן''. העורך י. ד. ברקובין.

מן הפרוספקט של ''התורן'':

''אורגאן עברי קבוע, השוקד ומדבר אל קוראיו רצופות, מדי שבוע בשבוע, התמד ודבר בלי הרף, התמד ועורר את רוחם אל חזיונות חיינו הלאומים, אל הטוב והיפה שבהם, אל המאור שבהם — אל המחשבה העברית — זוהי מטרתנו אורגאן עברי לאומי, אשר ירכז סביבו את פזורי הקוראים העברים ארץ הזאת, אשר ישמש להם פה, בתוך שאון החיים והמונם בעין מקדש מעט ואשר יברא להם פה לאט לאט בריאה זו, שאליה אנו מתפללים זה כמה — סביבה עברית — זוהי תכלית עבודתנו''.

מחיר ''התורן'': לשנה $3,00; לחצי שנה $1,50, לפחות מחצי שנה אין החתימה מתקבלת.

מחיר גליון בודד עשרה סנטים.

כל קוראי עברית מתבקשים למהר בחתימותם על ''התורן'', כדי שיקבלו את גליונות העתון בזמנם תיכף ליצאתם.

פרוספקט ישלח לכל דורש.

הכותבת לכל עניני ''התורן'':

HATOREN ,89-91 DELANCEY
STREET N. Y.

המחאות פרטיות (טשעקס והמחאות הפוסטה (מאני אהדערס) על שם גזברנו, מר. אברהם אליהו לובארסקי:

A. LUBARSKY, HATOREN 89-91
DE LANCEY ST.

או ערפינדונג פיר בלינדע

שרייבען איז זעהר א שווערע זאך פיר א בלינדען. איינער קען זיך זיין א ספרא רבה, קוים אבער פערלירט ער זיין זעהע־קראפט וועט ער ניט קענען אנשרייבען א זאך גלאטיג. אז מען שרייבט אומגעזעהענערהייד, פערקריכט מען קיין בוי בעריק, מען שמירט אן איין שורה אויף דער אנדערער און עס קען פאר קיין פאל ניט ארויסקומען וויא געהעריג איז.

א בעריהמטער פראנצויזישער דאקטאר, וועלכער האט געפיהלט אז ער וועט בלינד ווערען, האט זיך פאראויס צוגעגריט א מיטעל וויא אזוי ער זאל שפּעטער קענען שרייבען בלינדערהייד. יעצט, ווען ער האט שוין ניט זיינע אויגען, בענוצט ער טאקי זיין צוגעגרייטען פון פריהער אינסטרומענט און ער שרייבט אויסגעצייכענט. עס ליגט אפילו ניט אין דעם קיין גרויסע חכמה און אז איינפאכער בעל מלאכה קען דאס מאכען. דאך קומט דעם בלינדען דאקטאר קרעדיט פיר זיין ערפינדונג, וואס איז ניצליך פיר דיא וואס האבען זייערע אויגען פערלארען.

דיא ערפינדונג בעשטעהט פון א דיקע ברעטעל, אין וועלכע עס איז אויסגעשניטען א חלל פיר'ן עלענבויגען. אויף דיעזער ברעטעל איז איינגעריכטעט א דינע ברעטעל, וועלכע האט אין ביידע זייטען ציינער ווייט איינע פון דיא אנדערע אזוי וויא עס דארף זיין ווייט איין שורה פון דער אנדערער אין געוועהנליכע שריפט. דיא דינע ברעטעל ליגט צווישען צוויי לייכטע פרוזשינעס, איינע פון איין זייט און דיא אנדערע פון צווייטען זייט. דיא פרוזשינעס זיינען אריינגעשטעקט אין דיא קארבען צווישען דיא ציינער. ווען מען טהוט דיא דינע ברעטעל א שטויס ארויף, הויבט זיא זיך אויף העכער איבער א צאהן.

אט דיעזע מאבריייקע לעגט דער בלינדער אוועק אויף א טיש. דאס פּאפּיר צום שרייבען לעגט ער אוועק אויף דער דינער ברעטעל און פעסטיגט עס צו אין דער הויך מיט נעגעלאך. ווען ער זעצט זיך שרייבען לעגט ער אוועק דעם עלענבויגען אין חלל פון דער דיקער ברעטעל און אנטאפּענדיג מיט'ן האנד מארקירט ער אויס וואו אנצוטאפּען שרייבען. ער פיהלט אויך שרייבענדיג וואו דאס פּאפּיר ענדיגט זיך און מען דארף זיך אומקעהרען צוריק אויף אנגען א צווייטע שורה. אבער דאן, ווען ער ענדיגט איין שורה טהוט ער דיא דינע ברעטעל א רוק אין זייט הויבט זיך אויף א שורה העכער. ער קעהרט דאן אום דעם עלענבויגען צוריק אויף'ן פאריגען פלאץ און שרייבט ווייטער. ווען ער ענדיגט דיא צווייטע שורה, רוקט ער ווידער אויף דיא ברעטעל און נעהט אן מיט זיין ארבייט ווייטער.

דאס וואס דער עלענבויגען געפינט זיך שטענדיג אין איין פּאזיציאן — אין אויסגעשניטענעם חלל, איז זעהר וויכטיג ווייל דאס העלפט איהם ער זאל ניט ארונטערקריכען צו ניעדריג אדער זיך אויפהויבען צו הויך און שמירען א שורה אויף א שורה. אויף אזא אופן ווערט דאס שרייבען קאנטראלירט אומגעזעהענער היייד און עס קומט ארויס א גאנץ פיינער כתב און אין גוטען ארדנונג.

שיקט געלד אויף פסח!

די אויגען קריכען זיי דארט ארויס פאר אייערע פאר סענט.

אייערע קרובים אין רוסלאנד וועלכע האבען מיט 2 יאהר צוריק אזוי שעהן, אזוי ברייטליך יום טוב'דיג, געפייערט זייער פסח זיינען איצט בעטלער געווארען.

די מלחמה האט זיי צו בעטעל ברויט געבראכט.

איין האפנונג האבען זיי צו קריעגען עטוואס עסען אויף פסח און דאס זייט איהר, זייערע קרובים.

לאזט זיי ניט ווארטען ביז נאך פסח.

שיקט יעצט געלד כדי זיי זאלען עס ערהאלטען אויף פסח.

מר. ה. ווײנבערג

פון „אידישען זשורנאל“

שיקט זאפארט דאס געלד אוועק.

ער האלט דאס ניט.

שיקט געלד צו אייערע קרובים אין רוסלאנד היינטיגע וואך און זיי וועלען עס ערהאלטען אין צייט. :: :: ::

ג. קעש דזשועלרי סטאר

קומט אייך איבערראשען מיט סייפען געלד. זא ווי מיר וועלען בעציהרען יעדען איינעם מיט שעהנע ראיעלע דזשועלרי דיימאנד נעקליים, בראסלעטס, וואטשעס, טשיינס, ריגנס רינגס, און זא וואיטער מיט ספּעשעל פרייזען, וועלכעס מיין וואונש איז איהר זאלט זיך איבערצייגען פאר קעש אדער וועכענטליכע אב־צאהלונגען צו יעדען עהרליכען מענשען. מיין אדרעס:

THE G. KASH JEWELLERY CO.
162 AGNES ST. TORONTO

ד. ווהיטסאו

מיוזיקאל דירעקטאר
89 ארטהור סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 1834

לעסאנס ווערען געגעבען אויף וויאלין, ווי־אלא, פלייט, קלא־רינעט, קארנעט, א. ז. וו.

גיאן מיוזיק פאר בעללער, קאנצערטען' חתונות און איבערהויפט פאר שמחות. צופריעדענהייט גאראנטירט. בעשעפטיגט די בעסטע אידישע מיוזיקער

ה. יאנאווער — טעלעפאן מיין 6886
א. ראזענפעלד — טעלעפאן קאלעדזש 5089

זיינען די

טאראנטא קאהל קאמפאני

—91 עגנעס סטריט — — פאן אפיס עדעלייד 2029—

פערקויפען נור
ELIAS ROGERS CO'S. ANTHRACITE

יעדער לאט קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשערס טיקעטס,—פיר קוואליטעט און וואג גאראנטירט.

פעדלערס און סטארקיפּערס

אויב איהר זייט סמארט גענוג און ווילט מאכען געלד פארוואס ווייסט איהר ניט דעם ריכטיגען פלאץ וואו קויפען אייערע וואארע ביליג קומט צו ד. דייווים 129־131 קווין סטריט וועסט וואו איהר וועט קריגען צו יעדער צייט דזשאבס, קליערינג ליינס, פון קלאדינג און דזשענטס פארנישינג צו די ביליגסטע פרייזען און ראיעל בעהאנדלונג מיר פער בייטען ווארע אויב ניט צופ־ריעדענשטעלענד־ניט אונז א טרייעל און שפּארט געלד ביים קויפען

די דייווים 129־131 קווין סטריט וועסט טאראנטא
מיר קויפען אללערליי דזשאבס צו יעדער צייט

פערמאכט אייערע געשעפטען אויף א גאנצע וואך!

עס וועט זיך אייך לוינען

געהט ניט צו דער ארבייט, איהר קענט פיעל מעהר פערדינען!

נייעס אין דער געשיכטע פון טאראנטא:

א געצוואונגענער סייל
א סטאק פון $110,000

מוז אונבעדינגט פערקויפט ווערען און אין קעש, הארטע קעש פער־וואנדעלט ווערען.

דער סטאק איז

ערשטע קלאסע דזשועלרי

בעשטעהענד פון

דיימאנדס, זייגערלאך, זייגערס און זילבערוואארג

עס וועט פערקויפט ווערען

פער אקשאן

אדער פריוואט, אדער ווי איהר ווילט אליין. מיר מוזען האבען קעש

דיעזער געצוואונגענער סייל שטעלט מיט זיך פאר אן אונפער־גלייכבארע געלעגענהייט צו די אין דעם טרייד אזוי גוט ווי פאר פריוואטע פערזאנען עס איז דרינגענד אז אונזער גאנצער סטאק זאל פערוואנדעלט ווערען אין קעש — קרעדיטארס פאר־דערען זייער געלד! אקשאן פאנגט זיך אן היינט אבענד 7,15 און וועט פארטגעזעצט ווערען

טעגליך 2.15 און 7.15

יעדער ארטיקעל גאראנטירט ווי פארגעשטעלט

לא ראק און קאמפאני
89 יאנג סט. — עטליכע טהירען איבער קינג

פערזאנען וואס ווילען קויפען פריוואט קענען דאס טהון, פערענדיג אויפ'ן מענעדזשער, מר. דזש. גודמאן.

נייעס נייעס

פאר טאראנטאר אידען

מיר אגודת השוחטים מטאראנטא מקבלת הרבנים מאכען בעקאנט דעם פובליקום און דיעלערס אז מיר עפענען א גרויסארטיגען פלאץ און א ריינעם מיט אלע געזעצליכע קאנוויניענס אין

120 עליזאבעטה סטריט

מיר וועלען שעכטען

טשיקענס און גענז

אויף דער זעלבער פרייז ווי בעפאר

3 סענט א טשיקען
5 סענט א גאנז

און מיר וועלען יעדען איינעם צופריעדען שטעלען אויף'ן בעסטען אופן. קומט און איבערצייגט זיך. צו יעדער צייט וועט איהר טרעפען שוחטים: —

די שחיטה פאנגט זיך אן

מיטוואך דעם 8 מארטש

פון אונז אייערע גוטע פריינד
די אמאלגאמירטע שוחטים.

בעקאנטמאכונג

ענוי ראמאנאָווסקי

די ווארשעווער אקושארקע, וועלכע איז געפאהרען קיין מאונט קלעמענס אויף'ן ראטה פון דאקטאר ברום וועלכער האט זי מיט עטליכע וואכען צוריק אפערירט, לאזט וויסען אלע איהרע פריינד דאס זי פיהלט א סך בעסער און דאס זי דענקט קירצליך צו קומען צוריק קיין טאראנטא.
5682

לאקאלע פאסירונגען

ארעסטירט פאר טאקארען

לואיס סיגאל, יוסף וואלמאן, יוסף קערסטאל, אייבי וואלסטאבל און אייראם סטענצער, זיינען נעכטען נאכמיטאג ארעסטירט געווארען פון דעטעקטיווס מיטשעל, נאטרי, מעקאנעל, און וויקעט, אויף דער בעשולדיגונג פון רויבעריי.

דער קלעגער איז יוסף בארקס, און ווי ער האט דערצעהלט האט די געשיכטע אזוי פאסירט.

ער, בראקס מיט זיינעם א פריינד זיינען אריין אין 74 עליזאבעט סטריט און ער בראקס האט געוויזען זיין פריינד א קליינעם דיימאנד, פלוצלונג זיינען די פינף אויבענדערמאהנטע אריינגעלאפען אין פלאץ, האבען פערשפארט די טיהר און־האבען איהם גענומען שלאגען. זיי האבען איהם צושפּאלטען די קאפ און האבען פון איהם צוגענומען דריי דיימאנדס.

די אנגעקלאגטע וועלען היינט פארגעבראכט ווערען אין פאליס קאורט.

היגע אידישע סאלדאטען וועלען האבען א פערזאמלונג

אויף דעם פערלאנג פון רבי דזשייקאבס האט קורנעל לאגי, דער הויפט קאמאנדיר פון די היגע סאלדאטען ערלויבט אלע אידישע סאלדאטען זיך צו פערזאמלען דאנערשטאג אבענד 7 א זייגער אין דער באנד סטריט שוהל, וואו א פערזאמלונג וועט אבגעהאלטען ווערען.

לעצטען מאהל האט אויך א פערזאמלונג פון אידישע סאלדאטען געזאלט שטאטפינדען אין מעקקאל סטריט שוהל, אבער ניט אלע אידישע סאלדאטען זיינען געקומען.

דיעזען מאהל דענקט מען וועלען זיך אלע אידישע סאלדאטען פערזאמלען אין באנד סטריט שוהל.

דער שטורם האט קיין שאדען געמאכט

דער מאנטאג בייטאכטיגער שטורם וועלכער האט בעזוכט טאראנטא האט קיין גרויסען שאדען ערגעץ ניט פעראורזאכט, חוץ גאנץ קליינע עקסידענטען. טראָטצדעם וואס דער ווינד האט אין טאראנטא געבלאזען מיט א שנעלקייט פון 52 מייל א שטונדע.

די מעהרסטע אימיגראנטען פון אמעריקא

אטאווא מערץ 7

צייט די מלחמה האט אויסגעבראכען איז פערשטענדליך אז די אימיגראציאן נאך קענעדע איז שטארק געפאלען.

האנארייבל דר. ראש האט היינט נאכמיטאג ערקלעהרט אין פארלאמענט, ענטפערענדיג אויף א פראגע פון מר. מעקראנאלד, דאס פאר דעם יאהר 1915 זיינען בלויז 48,466 אימיגראנטען אריינגעפאהרען אין קענעדע.

דעם יאהר פאר דער מלחמה דאס הייסט אין 1913 זיינען אריינגעקומען 348,878.

פאר'ן יאהר 1915 זיינען די מעהרסטע אימיגראנטען געקומען פון די פעראייניגטע שטאטען.

פילע קרעפטע וועלען זיך בעטהייליגען אויף'ן זשיטלאָווסקי אבענד

דער קומענדער זונטאג, וועט לאנג לאזען נאך זיך געדענקען.

זונטאג, דעם 12־טען מערץ הייסט עס, אכט א זייגער אין אבענד, וועלען די טאראנטאר אידען האבען א געלעגענהייט צו הערען איינעם פון די בעסטע און שעהנסטע רעדנער, וועלכע די אמעריקאנער אידען פארמאגען.

די יונגע פריי שול, האט אויף דיעזען אבענד, וועלכער וועט פארקומען אין סטרענד טהעאטער אויף יאנג סטריט, אראנזשירט א וויכטיגע פראגראם, און לכבוד דעם גאסט פונ'ם אבענד. דר. חיים זשיטלאָווסקי, וועלען זיך בעטהייליגען אויך אנדערע קרעפטען.

דר. זשיטלאָווסקי, וועט רעדען איבער "די אויפגאבען פון אונזער יוגענד" און חוץ דעם, וועט איינגעפיהרט ווערען אן אינטערעסאנטע מוזיקאלישע פראגראם.

מאסטער לואיס דובינסקי, א יונגער וויאלאניסט, וועט שפּיעלען איינגע נומערען.

וועגען דיעזען אינטערעסאנטען יונגעל האט די היגע "סאנדיי ווארלד" פון דעם 13־טען פעברואר געשריבען:

"מאסטער לואיס דובינסקי, א שילער פון זוסמאן קאפלאן, שפּילענדיג די בעריאטס "עיר ווערי", האט בעוויזען דאס ער פערמאגט מוזיקאלישע פעהיגקייטען פון אן אויסערגעוועהנליכען כאראקטער".

חוץ דעם יונגען דובינסקין וועלען זיך אויך בעטהייליגען, עטעל האפמאן, א יונגע אונפיעל פערשפרעכענדע פיאניסטין, און הינדע נאלר — געזאנג.

סטרענד טהעאטער קען אריינגעהמען ביז אכצעהן הונדערט מענשען, און דער עולם דארף זעהען צו קומען בעצייטענס, אום זיי זאלען בעקומען פּלעצער, ווייל א גרויסער עולם ווערט ערווארט.

שבת אבענד וועט דר. זשיטלאָווסקי האלטען א פארטראג איבער "אונזערע קלאסיקער", אין לייבאר טעמפּעל.

פעדלערס און סטאר קיפּערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטומערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, רייגקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.

האלסייל און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער בעוואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זיינען בערייכט געווארען. דזשאב־לאטס זיינען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.

קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט, טאראנטא אנט.
טעלעפאן ארעלייד 3772.

ם. העלער

176½ קווין סט. וועסט טאראנטא



נייעס פאר אידען!
איין אידישע סטאר פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויף'ן פלאץ. חתונה רינגען געמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם ביליגסטען פרייז.

14 קעראט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוועיט. 18 קעראט חתונה רינגען $1.00 א פעני־וועיט.

וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, הייר־ספרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטעמס 50 ס

מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי ניי פיר א קליינעם פרייז.

אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט

מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם ביליגסטען פרייז.

נעהט וואו אלע נעהן.

אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואארעס און טרימינגס פאר סוטס און אווערקאוטס ביי

ליובינסקין — די ספעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער וואולען מיללס.

פאר וואס ניט איהר? אונזער נאמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ראיעלע בעהאנדלונג

J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto
TELEPHONE MAIN 6446

חתן כלה

זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מערידזש לייסענס

קאן מען קריגען אין אפיס פון

„אידישען זשורנאל"

נאטיס!

דיא יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מערידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה פריי.

בענוצט זיך מיט דיעזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל

251-253 קווין סטריט וועסט

ם. אילבוים

האלסייל גראסער

בעקאנטמאכונג!

צו אלע אידען אין קאנאדע

איהר ווייסט גוט אז לאנדאן'ס מצות זיינען די בעסטע אין גאנץ אמעריקא. פאריגעס יאהר זיינען זעהר פיעל קאסטומער דיסאפאינטעט געווארען ווייל זיי זיינען געקומען צו שפעט, דאפיר בעטען מיר אלע אידען פון קאנאדע אז זיי זאלען ניט לאנג ווארטען ווייל די מצות ווערען צו כאפט.

דער פרייז פון מצות, מעהל, קייק מעל, פארפעל, איז 6 סענט א פונט.

קאנטרי ארדערס מוזען שיקען א דעפאזיט מיט דעם ארדער.

אדרעסירט אלע לעטערס:

M. OELBAUM
15 Grange Ave. Toronto Ont.
Phone College 3919

פאר א קליינעם פרייז קענט איהר זיין אין ניו יארק

אין עטליכע שטונדען זיצענדיג גאנץ אנגענעהם אין טאראנטא, קענט איהר זעהען פערשיעדענע בילדער פון לעבען אין דער גרויסער שטאדט, איהרע טענעמענטס, איהר וואונדערבאר קאכעדיגען לעבען, איהרע גרויסע קעמפפע צווישען קאפּיטאל און ארבייט, איהרע ליעבעס און טראגעדיעס, איהר קענט דאס אלעס זעהען פארגעשטעלט נאטור טריי, ווען איהר קומט

דיעזען מיטוואך אבענד

אין ליריק טהעאטער

וואו עס וועט ווערען געשפּיעלט

די איסט סייד גהעטא

פון דעם בעריהמטען דראמאטורג לעאן קאברין.

די אונטערנעהמונג איז אראנזשירט דער קלאוקמאכער יוניאן.



דיימאנדס

$1 $2 $3 וועכענטליך

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלרי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדערס. דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייביגקייט.

מיר געטרויען יעדען עהרליכען מענשען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאנדס מיט דיא לייכטעסטע אבצאהלונגען.

ספעשעל דיסקוינט 10 פראצענט פאר קעש.

דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סט. ארקייד.

אויפמערקזאם ליידיס - טיילארס

די וויכטיגסטע זאך אין אייער ביזנעס איז צו מאכען גאר־מענטס מיט א פוירפעקט פיט. — כדי דאס צו טהאן מוזט איהר האבען פאלקאמענע פארמס. די

דייל ברענד

געמאכט צו פאסען קאנאדיען פרויען פאר דעם קאנאדיען מאנופעקטשורער איז דער פארם וואס איהר דארפט.

- DALE -
WAX FICURE CO. Ltd.
106 FRONT ST. E.

טעלעפאנס:
3023 — — — מיין
1928 — — — דזשאנקשאן

פאטראניזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלער האנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטרו קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט, טעלעפאן ערלייד 3087.

ביינאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4819.

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, - 1 ADELAIDE EAST

MEET ME AT THE FIRESIDE — Strand — YONGE NEAR KING — CONTINUOUS 10 AM TO 11 PM — MATS 5¢-10¢ — EVES 5¢-10¢-15¢

מאנטאג - דיענסטאג - מיטוואך

דו ביזט דער מאן

אין 5 טהיילען

פאטה, מלחמה נייעס און א לאכינע קאמעדיע.

סימפאני מוזיק טעגליך

מעזאנייני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 8345

HIPPODROMME
City Hall Square

אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

גאנצע וואך פון מאנטאג 6־טען מארטש

טאם נאון און קאמפאניע
אין אן עכטען סקעטש
אין באריהר פון נאטהור

איירען מייערס, פראכטפאלע קאמידיאן זינגערין 3 אויסגעצייכענטע הארמאנישע פרייליכע מוזיקאלישע מיידלאך. אדאנאלע און בלאר אקראבאטישע קונצענמאכער. בערטהא מאורפו, סינגינג קימידיאן.

4 אונטערהאלטער

אין א צוזאמענמיש פון פערשיעדענע הומאר און מעלאָדיו. ספעציעלע פיטשור פילם, — דיא לעצטע "מיטרא", וואונדערבארע פראדוקשיאן.

"די טורמאיל — מיט וואלי וואלי

LOEW'S YONG ST THEATRE

אונאונטערבראכענע פארשטעל.

12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג

עדדיע קלארק און צוויי רויזען, די לעלאנדס, פראנקיע פעי, טשארל קיים, לאורענץ און עדווארד, ברירעה ריעד, מארגאן און גרעי.

ROYAL ALEXANDRA

די גאנצע וואך
מארבורי־קאמסטאק קא. אפעריט אן עכטע מוזירענדע מוזיקאלישע קאמעדיע פון סיזאן

קיינער ניט צו הויז
NOBADY HOME

מיט אן אריגינאלען קאסט און די שפיצע מיט לאורענסגראססמיט דער בעוואוסטער ענגלישער קאמידיען.

פרייזען: אבענדס 50 סענט ביז $1.50
מאטענעע מיטוואך און שבת.
בעסטע סיטס $1,00.

מיר אדווערטייזען ניט

צוליעב דעם כדי איהר זאלט וויסען אז עס עקזיסטירט א פירמא מיט'ן נאמען

די טאראנטא עלעקטריק סופליי קא.

ווייל איהר און אלע טאראנטאר ווייסען אז מיר מאכען אלערליי עלעקטרישע ארבייט, צו פאר די טאראנטא עלעקטריק צו פאר די הידרא עלעקטריק אין ריפיירינג צו די ביליגסטע פרייזען מיר טהוען דאס בלויז כדי איהר זאלט וויסען אונזער אדרעס.

טעלעפאנירט מר. קעמין דעם אידישען מענעדזשער ארעלייד 3527 אדער ארעלייד 2223.

אדרעס 92 קווין סט. אדער 509 קווין סטריט וועסט.

אויך פערקויפען מיר אלערליי עלעקטרישע פיקטשורס און סופּלייס אין לעמפּלאך צו דיא ביליגסטע פרייזען. האנדעלט מיט אונז און איהר וועט זיין צופריעדען. אלע ארבייט איז גאראנטירט ביי די קאמפאניע.

THE TORONTO ELECTRIC SUPPLY CO.
92 QUEEN STREET WEST
Tel. Adelaide 3527
Manager's Residence 509 Queen S W
Phone Adel 2223

פלאמבינג

מיט לייכטע אפצאלונגען ווערט געמאכט ביי אייער פריינד

ם. לאיעווסקי

10 דיארסע סטריט
פאן קאל. 7747.

ם. טישלער

פלאמבער

וואונשט אייך בעקאנט צו מאכען, דאס ער וואוינט יעצט אין

1 ארטהור סטריט

טעלעפאן קאלעדזש 1276.

פלאמבינג היטינג און געז פיטינג פינקטליך געמאכט.

איד קאפלאן און קא.

מאך בעקאנט דעם טאראנטאר פובליקום אזוי ווי אייך איז בעקאנט איך בין א האלסייל בוטשער, האב איך יעצט געעפענט איין בוטשער שאפ

453 קווין סטריט וועסט

איך פאר קויף ריטייל און צו האלסייל פרייזען פון 8 סענט, ביז 15 סענט, א פונט פלייש קאלבס שעפסענע רינדערנע לעם ראוסט ריפען, ארדערס ווערען דעליווערט, פאן ערליער 2825